№ 47.

צווייטער יאהרגאנג

יודישע פאלקס-צייטונג

18 November 1903. פערלאג „פאלקס-בילדונג" ווארשא. כ"ה חשון תרס"ד.

אינהאלט: ציון אונ מזרח-אפריקא. — פאליטישע ענינים. — נייעס פון דער וואד: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס. — יודישע באטיאקעס אין לאנדאן; ד"ר יחזקאל ווארטסמאן. — אויף מבינות (ערצעהלונג); אברהם רייזען. — צוויי תפלות (שיר); יהואש. — א שמועס; מ. י. ב. — געלד; א. ש. זאקס. — לערנט אייך זעהן; ד"ר הערמאן קאהן. — ליטעראטור, וויסענשאפט אונ קונסט. — אלערליי.

יודישע פרויען-וועלט: אלגעמיינע נייעס. — די פרויען אין חנא; ש. זילבערשטיין. — מודעות.

פעליעטאן: דער גן-עדן; א. ב.

עס איז ארויס פון דרוק א נייע (צווייטע) אויסגאבע אונ געפינט זיך צופערקויפען

קאליקעס

ערצעהלונג

פון מ. ספעקטאר

פרייז מיט פארטא 50 קאפ.

זיך ווענדען אויף די אדרעסע פון הערויסגעבער:

Книжный магазинъ ИСААКА ФУНКА, ВИЛЬНА.

ביי דעם זעלבען הערויסגעבער זענען צו פערקויפען דיזע ווערק פון מ. ספעקטאר:

(דריטטע אויפלאגע)

די יודישע וועלט, א זאמלונג ערצעהלונגען, פרייז 60 קאפ.

דער יודישער מוזשיק, א ראמאן אין 4 טייל, פרייז 1 רובל.

עס דרוקט זיך אונ אין גיכסטען וועט זיך געפינען צום פערקויף דאס ווערק פון מ. ספעקטאר

עניים ואביונים

(דריטטע אויפלאגע)

265) א ראמאן אין צוויי טהייל פרייז 1 רובל מיט פארטא. 2—5

קני, פאלק & קאמפ. ליבאווא

די אוטווערזעטע פון פראווי-טעלסטווא קאנטאר מיט זאלאג פאן 15000 רובעל.

זי עקספעדירט פון ליבאווא יעדע וואך דאמפפערן נאך אלע ערטער פאן אפריקא (קאפשטאדט יאהאננעסבורג, נאטאל א. ז וו.) אמעריקא (ניו-יארק, באסטאן, פילאדעלפיע, ציקאגא, ארגענטינע, בוענאס-איירים א. ז. וו. אווסטראליע, ענגלאנד (לאנדאן, הולל לידס, מאנשעס-טער א. ז. וו.) אונ איבערהויבט נאך אלע זאגראניצנע האפען שטעדט.

(266) — וועגען פאדראבנאסטען קאן מאן נאכפרעגען ביי 4—1

Кни, Фалькъ и Ком., Либава.

אטדעלעניעם אין ווינדוי (קורלאנד), ווילנא, פאנעוועזש, שאוועל (קאוו. גוב).

Кни, Фалькъ и Ком. Виндава. Курлянд. губ.
Кни, Фалькъ и Ком. Вильна.
Кни, Фалькъ и Ком. Поневѣжъ, Ков. губ.
Кни, Фалькъ и Ком, Шавли, Ков. губ.

מ. קאצין, בריסק דליטא

אין מיין דאמפף-פאבריק פון גילזען, ווערען די גילזען געמאכט פון דעם

בעסטען סארט פאפיער אונ לויט דער היגעניע

דורך די נייע מאשינען וואס איך האב פערשאפט פון אויסלאנד. דאס פאפיער, דער מונדשטיק אונ די וואטע ווערען צונויפגעקלעבט נישט דורך די הענד, וואס דאס איז ניט היגעניש נאר דורך א מאשינע, וואס איז ספע-ציעל דאצו. 4—1

אין יעדען קעסטעל גילזען געפינען זיך פער-שידענע גוטע אונ זעהר שיינע פרעמיעס.

М. Кацинъ, Брестъ-Лит.

עס דרוקט זיך

דער זאמעל-בוך: „הילף"

די גאנצע הכנסה פון זאמעלבוך וועט געהן פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב.

פרייז 1 רובל מיט פארטא.

רעדאקציע „יודישע פאלקסצייטונג".

Ищу УРОКОВЪ

1—3 специально (267)
по русскому языку,
по весьма умѣренной цѣнѣ.
Адресъ: „Тушія", Т.

היימישע מיטטאגען!

צו מעססיגע פרייזען, אויך פער-שידענע צייטונגען צום לעזען ביי

אהרן משכיל-לאיתן

ווארשא, גענשע 13, וואהנונג 7, 50-32 אין טהויער, 2 שטאק. (192)

אומזוסט אהן געלד!!

שיקט מען יעדען א ביכעל וועגען שניידען אונ נייהען אלערליי מלבושים. אדרעסע:
Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варшава.

גוּר מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ'ן ארט אגוטע פרנסה איינפיהרען. אבריפליכע ערקלערונג חנם לכל דורש.
Я Найдичъ, Варшава.

בבית מסחר הספרים
י. ראזומאווסקי בברדיטשוב
ובהמחלקה שלו בווארשא, נאלעווקי 34
אצל **א. צייליגנאלד** נמכרים כל מיני
ספרים במקחים נמוכים. (217) 50 23

ביבליותיקה לבני הנעורים (הוצאת „תושיה"):

I לילדים:

1) קובץ שיחות קטן (שיחה) מאת ר. נוסטפסון, תר' נ. פינס. 2) ידידי המלך עמינדב (שיחה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 3) הרועה ובת המלך (אגדה) —הנ"ל, תר' י. ב. לבנר. 4) א] המלך אשר שנתו נגזלה, ב] פרחי ששון (אגדות)—הנ"ל, תר' הנ"ל. 5) ארבעים שודדים (אגדה ערבית)—תר' מ. סילמן. 6) שלשה אחים (שיחה)—ר. גוסטפסון, תר' נ. פינס. 7) רחוב הזהב (אגדה עברית)—ל. ויזל, תר' י. ב. לבנר. 8—10) א] עשר ואשר, ב] גדול העליליה (אגדות ערביות)—תר' הנ"ל. 11, 12) א] גמול ישרים או רחוב מזל, ב] הרמב"ם והעלם האלם (אגדות עבריות) — ל. ויזל, תר' הנ"ל. 13) החבצלות (ספור)—רוטשיק, תר' נ. פינס. 14) הכליף־החסידה (אגדה) — הויף. תר' י. ב. לבנר. 15) א] פרעה מלך מצרים (ספור הסטורי) — ד' ספירל, ב] כלב־ים (אגדה מדרשית)—תר' הנ"ל, 16) איש בלי לב (אגדה אנגלית)—תר' א. ליבושיצקי. 17) הדיג והדגה (אגדה בחרוזים) — א. ס. פושקין, תר' הנ"ל. 18) ל"ג בעומר (ספור) — ש. דינר. 19) הכלה האמתית (אגדה) — האחים גרים, תר' ש. ברמן. 20) יוחנן הנאמן (אגדה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 21, 22) א] הרח אוהב הכסף ספור התולים), ב] עשיר אמ־ל (אגדה) —תר' מ. סילמן. 23) המלך שלמה ומשחקי השח־מט (אגדה מזרחית) — תר' א. ב.. 24) לב אבן (אגדה עברית) —ל. פיליפזון, תר' פ. קפלן. 25) אח וארות (ספור)—תר' הנ"ל. 26) גלית הנדיב (ספור)—תר' א. ליבושיצקי. 27) לבנת שלג (אגדה) — האחים גרים, תר' ש. ברמן. 28) השד ושלש שערות הזהב (אגדה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 29) א] בית היער, ב] הנחש הלבן (אגדות) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 30) א] הברקת, ב] אשר ועני (ספורים) —י. ב. לבנר. 31—54) כל אגדות ישראל (חלק א', 24 חוברות) — הנ"ל. 55) ילד מצל (שיחה)—א. ברזסילובסקי. 56—58) משלי ילדים (3 חוברות) — שלמון. 59,60) מעשה בנבוכדנצר שנהפך לדב (ספור) — י. צ. לוין. 61—75) למען אחי הקטנים (ספורים מקוריים ומתרגמים, 15 חוברות) — א. ליבושיצקי. 76—78) מיגון לשמחה (ספור)—ב. שמידט, תר' י. ב. לבנר. 79) ימים מקדם (ספור) — מ. הורליק. 80) ילדים עובדים (ג' ספורים: 1] יעקב, 2] יונה, 3] רחבות)—י. גרזובסקי. 81—90) שיחות ילדים (10 חוברות) — י. שטינברג. 91—93) למך ולמך (ספור־אגדה)—י. צ. לוין. 94—95) נח בתבה (ספור־אגדה) — הנ"ל, 96—97) העצמות היבשות (ספור־אגדה) — הנ"ל. 98—99) הפחה הרועה (אגדת בני קדם) — תר' ב. רובינוק. 100) מעשה בבן מלך (אגדה)—הנ"ל. 101) א] החסידה, ב] החידה (אגדות)—האחים גרים, תר' ש. ברמן. 102) א] יקטן הנבון, ב] זלפה החכמה, ג] המסחר הטוב (אגדות) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 103) א] מלך הר הזהב, ב] ש... ושלמה (אגדות) — הנ"ל—הנ"ל. 104) א] ארון הזכוכית, ב] החתן השודד (אגדות)—הנ"ל, תר' הנ"ל. 105) עפר האילים (אגדה) —הנ"ל, תר' הנ"ל. 106) בת יחידה (ספור)—תר' א. ליבושיצקי. 107) המזמרת הקטנה (ספור)—תר' הנ"ל. 108) א] המשורר העני, ב] דבורה הזקנה (ספורים) —תר' הנ"ל. 109) מעשה בשלטן אחד (אגדה ערבית) —תר' הנ"ל. 110) א] המלאך הגואל, ב] הכוכבים שאבדו (פנטסיות) — הנ"ל. 111—155) כל אגדות ישראל (חלק ב', 45 חוב')—י. ב. לבנר. 156) צפור־הזהב (אגדה)—האחים גרים, תר' ש. ברמן. 157) ההיט אמיץ הלב (אגדה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 158) רמוצה (אגדה)— הנ"ל, תר' הנ"ל. 159) א] כפה ארומה, ב] הקציעה (אגדות)—הנ"ל, תר' הנ"ל. 160) רעת האווזים (אגדה) — הנ"ל, תר' הנ"ל. 161—163) בני המלך והלביא (אגדה מזרחית, ג' חוב') — תר' ח. ד. רוזנשטיין. 164) דבורה (אגדה) — תר' פ. קפלן. 165) אי־הסוף (אגדה)—תר' א. רוזט. 166) חכמה נפלאה (ספור)—הר' חיים רבינוביץ. 167,168) א] רבי אליעזר בן הורקנוס (תילדה)—י. מיוחס, ב] מעשה באיש מופת (ספור) — ק. ל. כילמן. 169, 170) שולמית (אגדה, מימי שלמה מלך ישראל)—י. שטינברג. 171) א] גבה מעל גבה (משל), ב] המנדרין והבגדיהן (בדיחה)—תר' י. ב. לבנר.

מחיר כל נומר 4 ק'. פאר' לכל חוברת או ישלש ביחד 2 ק'; כל 5 נומרים בכרך קטן אחד מכ' בבד ארום מהודר ... פאר' 4 ק'; כל 10 נומרים בכרך אחד מכ' 50 ק. פאר' 6 ק'; כל 15 נומרים בכרך אחד מכורך הדר בבד 75 ק'. פאר' 10 ק'.

מחיר כל אגדות ישראל מאת י. ב. לבנר (מאשר מטעה"מ) (פורמט קטן) ח"א מכ' הדר 1.15 ר'. פאר' 14 קאפ, ח"ב בשני כרכים מכ' הדר כ"א 1.05 ר'. פארטא לכ"א 14 קאפ'.

מחיר ילקוט ספורים (י"ד ספורים) מאת י. ב. לבנר (מאשר מטעה"מ) 56 ק', מכ' הדר 70 ק'. פאר' 10 ק'.

II לנערים:

1] א—ב) מלחמת אחים (ספור ע"פ ו. הוגא). י. ב. לבנר.

2) ג) אגריפס הראשון (ציור הסטורי). א. ז. רבינוביץ.

3] ד—ה) השבוי בקוקז (ספור. טולסטוי) תר' הנ"ל.

4] ו—י) המוהיקני האחרון (ספור ע"פ קופר). י. ב. לבנר.

5] יא—יג) אי בורניא (ספור מסע ע"פ מיין־ריד). א. ז. רבינוביץ.

6] יד) בני משה (אגדה). ל. מקלר.

7] טו) הנדחים בירכתי צפון (ספורי מסע). תר' מ. כ. איזנשטדט.

8] טז—כ) מגבורי האומה (תולדות ישראל ע"י ביוגרפיה) 5 חוברות: 1) עזרא ונחמיה; 2) שמעון הצדיק וחוניו בנו; 3) יהודה המכבי; 4) שמעון בן שטח ושלומית אחותו; 5) הלל הבבלי (הזקן). ש. ברמן.

9] כא—כה) בן המלך והעני (ספור ע"פ מרק טוען). 5 חוברות. י. גרזובסקי.

10) כו—כט) האח העור (ספור ע"פ גרן). 4 חוברות. י. ב. לבנר.

11] ל) הצעד הראשון (ספור). תר' פ. קפלן.

12] לא—לה) מחיי הטבע (ספורים מחיי החיות, פ. ברנדל) 5 חוברות. תר' י. גרזובסקי.

13] לו—נ) מגבורי האומה (כנ"ל) 15 חוברות: 6) רבן גמליאל הזקן; 7) אלעזר בן חנניה הכהן ויוחנן בן לוי מגוש חלב; 8) רבי יוחנן בן זכאי 9) רבן גמליאל דיבנה; 10) רבי יהושע בן חנניה; 11) רבי טרפון; 12) רבי ישמעאל בן אלישע; 13) רבי עקיבה בן יוסף; 14) שמעון בר־כוכבא; 15) רבי מאיר; 16) רבן שמעון בן גמליאל; 17) רבי שמעון בן יוחאי; 18) רבי יוסי בן חלפתא; 19) רבי יהודה הנשיא, חוברת א'; 20) רבי יהודה הנשיא, חוברת ד'. ש. ברמן.

14] נא—נב) הנודד דקין (ספור, ד. אמיצים). 2 חוב', תר' א. ליבושיצקי.

15] נג—נד) ברונא הנודד (ספור). תר' א. הייבשוביץ.

16] נה) שני המלכים (ספור). תר' ב. רובינוק.

17] נו) נחל דמעה (אגדה קוקזית). תר' הנ"ל.

18] נז—נח) יונת המלכה (אגדה). תר' מ רודיוב.

19] נט—ס) חכמת העמים (מספורי לבולי). תר' י. גרזובסקי.

20] סא—ע) מגבורי האומה (כנ"ל) 10 חוברות: 1) רבי חנינא בן חמא; 2) רב (אבא אריכא); 3) הנ"ל; 4) שמואל (ירחינאי); 5) רבי יוחנן בן נפחא; 6) הנ"ל; 7) רבי שמעון בן לקיש (ריש לקיש); 8) רב הונא ורב יהודה; 9) רבי אבוהו; 10) רבה ורב יוסף. שלמה ברמן.

21] עא—עג) 1) אהבת אם (ספור), 2) יחזקאל (ספור). י. שטינברג.

22] עד) 1) שבולה, 2) כתב הזבובים, 3) האח והאחות, 4) החביד והחסידה (מעשיות). הנ"ל.

23] עה) 1) שרח בת אשר, 2) צפורה (אגדות). י. שטינברג.

24] עו) 1) הץ תשועה, 2) מלת פלאים (אגדות). הנ"ל.

25] עז) 1) תמרים של משה עשר, 2) גזר הדין (אגדות) הנ"ל.

26] עח, עט) 1) צחוק שפתים (ספור), 2) האנף (ספור) י. ב. לבנר.

27] פ) במקום דרשה (מחזה לילדים). י. ח. טביוב.

28] פא) נשף פורים (מחזה לילדים במערכה אחת). מ. מונסבין.

29] פב) החמסן הקטן (חזיון בעלילה אחת ותחמשה מחזות). מ. הורליק.

30] פג—פד) מוכר נער רע (חזיון בשמונה עשר מחזות). תר' הנ"ל.

31] פה) העניים (חזיון בעלילה אחת וחמשה מחזות). תר' י. מ. זלקינד.

32] פו—צ) מחיי הטבע (ספורים מחיי החיות, פ. ברנדל). תר' י. גרזובסקי.

33] צא) מחיי הילדים בארץ ישראל (ספורים). חמדה בן־יהודה.

מחיר כל נומר 6 ק'. פאר' לאחד או לשנים 2 ק'; כל 5 נומרים מכ' בכריכה יפה 40 ק'. פאר' 6; כל 10 נומרים מכ' הדר 80 ק'. פאר' 10 ק'.

Издательство „ТУШIЯ", Варшава. — Verlag „TUSCHIJAH", Warschau.

צום געלד זאמלען



איז זעהר פראקטיש די 10 קאפעקענע שפארזאם קאסעלעך.
יועהרענד דורך אבשפארען 10 קאפ. טעגליך אונ אריין ווארפען אין קאסעלע, פון וועלכען מען קאן נישט ארויס נעהמען ביז עס קלייבט זיך אן 5 רובל, קאן מען זיך אנזאמלען א קליין קאפיטאל.
זעהר נייטיג פאר אגענטען, אינקאסענטען, איבערהויפט פאר פרויען אונ קינדער. 6—4 (262).
פרייז 2 שטיק נאר 1.05 רובל מיט פארטא.

В. ТЕНЕНБАУМЪ
Варшава, Гусья 27/40.

בבית־מסחר־ספרים של
ז. ש. שרעבערק, ווילנא, סטעפענג.
נמכרים כל מיני ספרים בתנאים נאותים.
Книжн. магаз. З. Ш. Среберка, Вильна. 225 50—18



НУЖНЫ АГЕНТЫ 281 60—19

для сбыта **издѣлій штемп. фабрикаціи и патент. предметовъ** со значительн. прибылью. **Первоклассн. производство. Не смѣшивать съ другими мелкими** заведеніями. Рефлектанты благовол. указать родъ занятій и адр. **Каталоги и условія безплатно.** Конт. паров. типогр. и фабр. штемп. **И. ЗИМАНЪ, г. Бѣлостокъ**

י. שעקמאן, ווארשא
פאבריק פון זילבער 84 פראבע
(128) עט פלאטעע־וואארע. 50 41

НОВАЯ КНИГА
„СОВРЕМЕННАЯ ПАЛЕСТИНА"
въ физико-этнографическомъ и политическомъ отношеніяхъ
составилъ И. Белкиндъ.
Книга эта иллюстрирована, содержитъ 19 печатныхъ листовъ на веленевой бумагѣ и имѣетъ 11 географическ. картъ
Цѣна книги 1 р. 40 к. въ изящн. переплетѣ 1 р. 90 к.
ПРОДАВЦАМЪ ОБЫЧНАЯ СКИДКА.
СКЛАДЪ ИЗДАНІЯ
при Типографіи и Фабрикѣ Писчебумажн. Издѣлій
Торговаго Дома
Г. М. ЛЕВИНСОНЪ, ВЪ ОДЕССѢ
Желающимъ ознакомиться съ содержаніемъ этой книги безплатно высылается краткое описаніе ея

Nr. 47. **Jüdische Volks-Zeitung** צווייטער יאהרגאנג.

אבאנאמענטס-פרייז:
עסטרייך-אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב-יעהרליך . . . . . 5 „
פירטעל-יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם“: יעהרליך 12.50 קראנען; 11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק. האלביעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק 6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פירטעליעהרליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30 שילינג; 7.29 פראנק.

ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ. 40 העלער.

יודישע פאלקס-צייטונג.

א וואכענבלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

די אדרעסע פאר עסטרייך-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung“
Krakau, Sebastyangasse 32.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія“ Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ“:
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

אבאנאמענטס-פרייז פאר רוסלאנד:
יעהרליך 4 רובל, האלב-יעהרליך 2 רובל
פיערטעל-יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם“: יעהרליך 5 רובל; האלב-יעהרליך 3 רובל, פיערטעל-יעהרליך 1.50 רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר' אויסצאהלען אין ראטען: ביים אויסשרייבען 2 רובל, דעם 1-טען אפריל 1 רובל, 1-טען יולי 1 רובל און דעם 1-טען אקטאבער די לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 20 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנציינען):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ. 30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט 30 קאפ. 60 העלער, 80 פעניג.

כ"ח חשון תרס"ד. Nr. 47. 18 November 1903.

ציון און מזרח-אפריקא.

ה' גרינבערגס רעדע אין ליעדז.

איך וויל רעדען איבער די מזרח-אפריקאנישע פראגע, איבער דעם פארשלאג, וואס די ענגלישע רעגירונג האט אונז געמאכט.

איבער דעם לאנד גופא קאן איך אייך זעהר וועניג זאגען, ווייל איך ווייס פון דעם נישט מעהר פון איהר, און מיר מוזען ווארטען ביז די עקספעדיציע, וואס וועט געשיקט ווערען אין אוגאנדא וועט צוריק קומען. און פארדעם קאן מען וועגען דעם נישט רעדען און קיין וכוחים נישט האלטען.

וכוחים קאן מען נאר האלטען וועגען די פאליטיק פון דעם דאזיגען פלאן. איך וויל קיין שלעכט ווארט נישט זאגען גענגען די, וואס זענען געגנער צו דעם מזרח-אפריקאנישען פראיעקט, אין אזא בעוועגונג ווי די ציוניסטישע איז, מעג יעדער זיך זאגען אפען זיין מיינונג און איך בין זיכער, אז זיי האבען עס געמיינט עהרליך. איך וועל אין מיין לעבען נישט פארגעסען דעם איינדרוק, וואס עס האבען אויף מיר געמאכט די געגנערס, ווען זיי האבען זיך פארזאמעלט אויף א בעזונדערע אספה, נאכדעם ווי דער פראיעקט וועגען שיקען איין עקספעדיציע איז אנגענומען געווארען. איך וועל אין לעבען נישט פארגעסען די סצענע, וואס האט זיך דענסטמאל צווישען די רוסישע דעלעגירטע אבגעשפיעלט, א סצענע וואס בעווייזט ווי טריי זיי זענען צו זייער אידעאל, און לאזען פון דעם קיין קוצו של יוד נישט אראבנעמען.

געוויס מוז מען הויכשעצען די געפיהלע פון אזוינע אידעאליסטישע מענשען. אבער זענען זיי אויך גערעכט? הייסט דאס פראקטישער ציוניזם? איז דאס א פאליטיק, וואס קאן אויסגעפיהרט ווערען? ווען מען זאל מיך פרעגען, וואס איז דער גרעסטער פעהלער פון אונזער פאלק, וואלט איך זאגען, אז עס איז דער, וואס אלס איינצעלנע מענשען זענען מיר צופיעל מאטעריאליסטען און אלס פאלק צופיעל אידעאליסטען, און דעריבער האט זיך ביי אונז געקאנט געפינען א פארטיע, וואס זיי איז נישט געפעלען דער מזרח-אפריקא-פראיעקט, ווייל ער איז צו פראקטיש און וועניג אידעאליסטיש.

מען האט מורא, אז דורך די קאלאניזירונג פון מזרח-אפריקא וועט מען פארגעסען אן ארץ ישראל; ווי נאריש איז אזא שרעק! צוויי טויזענט יאהר זענען מיר אין גלות, וואו מיר האבען די גרעסטע צרות אויסגעשטאנען און האבען פונדעסטוועגען אן אונזער היילינ לאנד נישט פארגעסען, וועלען מיר דורך דעם, וואס א טייל פון פאלק וועט לעבען זיכער אין אפריקא געוויס ירושלים נישט פארגעסען. איך גלויב פארקעהרט, אז נאר די יודען וואס וועלען ערצויגען ווערען אין א פריי לאנד וועלען זיין די בעסטע חובבי ציון און וועלען אונז אין אונזער ארבייט פאר אונזער לאנד קענען אסך העלפען.

אנדערע ווידער פרעגען, וואו וועלען מיר דאס נעמען די טאפעלטע כחות צו ארבייטען אי פאר ארץ ישראל אי פאר מזרח-אפריקא? דאס בעווייזט, אז די וואס פרעגען זענען נישט קיין אמת'ע חובבי ציון, און זייער ליבע צו איהר איז א שוואכע און גלויבען נישט, אז אין אונזער בעוועגונג זענען דא אזוינע מענשען, וואס זענען גרייט זייער לעבען מקריב צו זיין פאר פאלעסטינא. איך בין זיכער, אז דורך דעם מזרח-אפריקא פראיעקט וועט די צאהל פון די ציוניסטען, וואס ביז היינט דערגרייכט זי לכל היותר ביז א מיליאן, אסך מעהר ווערען. מיט דעם מזרח-אפריקא פראיעקט וועלען מיר מאכען א בריק, איבער וועלכע עס וועלען צו אונז איבערגעהן א גרויסע צאהל יודען פון די, וואס האבען ביז היינט פון ציון אדער גאר נישט געוואוסט אדער גאר נישט געהאלטען. גלויבט מיר אז עס וועט גאר נישט לאנג דויערן און זיי וועלען זיין גוטע נאציאנאליסטען. ווידער זאגט מען אונז, אונזערע בעוועגונג דארף זיין א ציוניסטישע, אבער נישט קיין מזרח-אפריקאנישע איך בין מודה, אז עס איז אזוי, אבער מען קאן דאך נישט א דערוואקסענעם מענשען אנטון צוריק זיינע אמאליגע קינדער-קליידער. די געשעהנישען אין אונזער בעוועגונג האט אונז געצוואונגען צו

פארגרעסערען די פעלד פון אונזער ארבייט. פון איין זייט האט מען אונז געוויזען, אז פאלעסטינא קאן מען אזוי גיך נישט בעקומען, פון איין אנדער זייט זעהען מיר, אז די תנאים, אונטער וועלכע מיר לעבען צווינגען אונז עפיס צו טון, כדי אביסל צו ערלייכטערן די יודישע נויט, דערמיט וואס מיר גרינדען יודישע קאלאניעס אונטער דעם שוץ פון פון די בעסטע אונ פרייסטע רעגירונג.

אונ באמת איז אונזערע בעוועגונג דער עיקר א נאציאנאליסטישע בעוועגונג, מיר זענען דעריבער ציוניסטען ווייל מיר זענען נאציאנאליסטען, אונ דאס וואס איך האב געזאגט, אז דער פארשלאג פון די ענגלישע רעגירונג איז א גרויסער שריט נעהנטער צו פאלעסטינא, איז דאס געמיינט, אז די נאציאנאלע בעדייטונג פון אונזער פאלק ווערד דורך דעם געשטארקט. וואלט פאלעסטינא געהערט צו דער ענגלישער רעגירונג וואלטען מיר מיט איהר אונטערהאנדעלט וועגען פאלעסטינא. דערמיט וואס די ענגלישע רעגירונג האט אונז געזאגט „מיר וועלען אייך געבען א שטיק לאנד, וואס וועט זיין ריין יודיש", האט זי אנערקענט אונזערע פאדערונג צו זיין א נאציאן.

א טייל ווילען פארענטווערען הערצל'ען, אז דעריבער איז ער מסכים צו שיקען איין עקספעדיציע קיין מזרח-אפריקא, ווייל ער קאן נישט אבזאגען דעם פארשלאג, וואס די ענגלישע רעגירונג האט אונז געמאכט, אבער באמת וויל הערצל זעלבסט גאר נישט מזרח-אפריקא. איך מיין אבער אנדערש, ווען הערצל וואלט געוואוסט, אז דער מזרח אפריקא-פראיעקט טויג נישט פאר אונזער פאלק וואלט ער עס געוויס באלד אבגעזאגט. ד"ר הערצל האלט דעם מזרח-אפריקא פלאן פאר זעהר א גוטען אונ דעריבער האט ער עס פאר דעם קאנגרעס פארגעטראגען. ערלויבט מיר אייך צו בעווייזען איינינע פונקטען, מיט וואס מזרח-אפריקא איז פאר אונז אזוי גוט אונ וויכטיג. ערשטענס האט עס פאר אונז א גרויסען פאליטישען ווערט, דען דורך דעם ווי איך האב שוין געזאגט, ווערד אונזער פאלק בעטראכט אלס נאציאן. צום ערשטענמאל האט מען נאך 1800 יאהר מיט אונז אנגעהויבען ווי מיט א פאלק צו אונטערהאנדלען, דאס אליין איז שוין א גרויסער נצחון.

ווען די יודישע קאלאניזאציע אין מזרח-אפריקא זאל געראטען, ווע עס זאלען זיך דארטען בעזעצען א מיליאן אדער אפילו א האלב מיליאן, וועט די יודישע לאגע אין די אנדערע לענדער אויך פארבעסערט ווערען. עס איז ניט קיין ספק, אז ביי אונז אין ענגלאנד, וואו עס קומען צו א מאסע יודישע עמיגראנטען, וועט די יודישע עקאנאמישע לאגע זעהר געדריקט ווערען; איז נישט בעסער, אז אנשטאט צו וואנדערען אין א פרעמד לאנד, וואו מען נעמט אונז נישט פריינדליך אויף, זאלען מיר בעסער וואנדערען אין א יודיש לאנד, אין יודישע קאלאניעס, וואס וועלען געגרינדעט ווערען אין מזרח אפריקא?

די וואס שרייען „אדער פאלעסטינא אדער גאר נישט" פארגעסען, אז היינט איז די פראגע: אדער א האפנונג אויף פאלעסטינא אדער זיכערע עלענד אונ נויט אונ אז מיר וועלען בעקומען מזרח-אפריקא וועט עס אונזער פאלק אננעמען מיט שמחה. מען ווארפט אונז פאר, אז מיר קענען נישט לעבען אלס זעלבשטענדיג פאלק, מיר האבען אבער ביז היינט קיינמאל נישט געהאט די געלעגענהייט צו ווייזען די וועלט, אז מיר קענען לעבען ווי א פאלק, די געלעגענהייט וועט אונז מזרח-אפריקא געבען. מען זאגט, אז דעריבער דארף מען אונז נישט געבען פאלעסטינא, ווייל מיר וועלען דארטען זיך נישט קענען אויפפיהרען ווי א פאלק, אז מיר וועלען זיך ארומרייסען ביי די האר, אט לאמיר אננעמען דעם מזרח-אפריקא-פראיעקט אונ לאמיר ווייזען די וועלט, אז מיר קענען פיהרען א מדינה אזוי גוט ווי די בעלגיער אונ שווייצער. איך בין זיכער, אז ווען מיר וועלען בעווייזען די וועלט, אז מיר פארשטעהען זיך זעלבסט צו רעגירען, אז מיר פארשטעהען צו לעבען ווי מענשען, אונ נישט בעהאנדעלט צו ווערען ווי חיות, וועט די וועלט צו אונז קומען אונ זאגען: איצט קאן מען אייך שוין געטרויען פאלעסטינא. איך בין זיכער, אז גאט'ס לאנד וועט סוף כל סוף געהערען גאט'ס פאלק, איך זאג נישט, אז מיר וועלען עס מיט אונזערע אויגען זעהן, אפילו נישט דער יונגסטער פון אונז,

פעליעטאן.

דער גן עדן.

— דעם אמת זאגענדיג, פארשטעה איך ניט ליבער ר' נחום, פאר וואס זענט איהר אזוי געגען אוגאנדא, וואס ענגלאנד לייגט פאר אייער פאלק? איך האב געליינט די בעשרייבונג, חלעבען עס איז דארט אויסגעצייכענט! פאלמען-בוימער, דער ים אונ אפילו לעבעדיגע זשיראפען, א סך שענער ווי ביי אייך אין בערדיטשעוו, אונטערען טונקעל גרויען הימעל מיט דעם שיינעם טייך גנילאפיאטקע, וואו האלב איינוואהנער זענען פיסטע פאסניקעס פון גאר ניט האבען וואס צו טון אונ די איבעריגע וועלען אויך באלד גאר ניט האבען וואס צו טון. ווען איך זאל זיין א יוד וואלט איך זיך פאר אוגאנדא אנגעכאפט מיט הענט אונ פיס.

— איהר זענט אבער ניט קיין יוד, האט איהם געענטווערט דער אלטער ר' נחום.

איך בין ארומגעגאנגען איבער דעם צימער פון איין ווינקעל צום אנדערען מיט די הענט אין די קעשענעס אונ פאנטאזירט, דער אלטער ר' נחום איז געזעסען ביים טיש אונ געפיהרט נאך מיר מיט טרויריגע טיפע אויגען, וועלכע קוקען שוין אויף דער ווייסער וועלט צוויי אונ זיבעציג יאהר, ניט אנווערענדיג פון דעסטוועגען זייער גלאנץ אונ קלארקייט, וואס גאט האט איהם געשענקט נאך אין דער צייט, ווען ר' נחום איז אין זיין געבורטסשטעדטל שפאליע א בארוועס יונגעלע ארומגעלאפען.

— איך אליין וואלט אין דעם פרייען שיינעם אוגאנדא נעפארען, עס איז זיך דארט א ריינער גן-עדן, האב איך ווייטער גערעדט — לאמיר פאהרען ר' נחום.

— מיינע שונאים זאל זיך אזוי וועלען לעבען ווי מיר ווילט זיך פאהרען.

איך האב ווידער גערעדט.

— איך האב געליינט אין די צייטונגען אונ וויים, ר' נחום, אז פיעל פון אייך זעהען אין אוגאנדא עפים א מין פעלשונג געגען דער אידעע פון ציוניזם. נאר ערלויבט מיר אייך צו דערמאנען, אז אייער בעריהמטער אונ טאלענטפאלער דאקטאר הערצל האט אפען ערקלערט, אז אוגאנדא איז נאר א קרעטשמע פאר די יודען אויף דעם וועג קיין ציון. דיענט דען אפריקא דאס ערשטע מאל אלם וועג קיין ארץ ישראל? דערמאנט זיך אין יוסף'ן אונ אין דעם לאנד גושן.

— יונגער מאן! האט זיך אנגערופען ר' נחום, דאס לאנד גושן טראגט ביי אונז דעם נאמען מצרים, וואו מיר זענען געוועזען געפאנגענע,

אבער געהערען וועט עס ווען עס איז צו די יודען. ווי די ענטוויקלונג ווייזט אונז וועט מזרח-אפריקא מיט דער צייט האבען א גרויסע בעדייטונג. עס איז לייכט צו זעהן, אז ווען מיר זאלען זיך בעזעצען אין מזרח־אפריקא וועלען מיר דארטען האבען א גרויסע צאהל יודען, וועלכע וועלען מיט זייער פאטערלאנד פאלעסטינא אין פארבינדונג שטעהן. וואס וועלען זאגען די שפעטערע דורות אויף אונז, אז מיר האבען צוליב סענטימענטאלע נייגונגען נישט אנגענומען דעם מזרח־אפריקא־פראיעקט. זיי וועלען זאגען, מען האט אונזערע עלטערן אנגעבאטען א לאנד, וואס האט געקאנט בליהען אין גוטס און זיי האבען דאס משוגע'נערווייז אבגעזאגט. מען רעדט, אז עס דארף זיין דיסציפלינע, אויב אזוי טא פאר וואס פאלגען מיר נישט אונזער אנפיהרער. איך מיין, אז אונזער אנפיהרער זעהט א סך ווייטער ווי אונזערע געגנערס און אז ער האט זיך ענטשלאסען פאר מזרח-אפריקא דארפען מיר איהם העלפען. איז ער אונזער פיהרער מוזען מיר זיך לאזען פון איהם פיהרען און איהם פאלגען. איך מוז דא זאגען א פאר ווערטער איבער דעם וואס איז אויף דעם קאנגרעס פארגעקומען. די מיטגלידער פון קאנגרעס האבען מסכים געוועזען, מען זאל שיקען איין עקספעדיציע, זיי האבען אבער פארצוימט דעם וועג, אויף וועלכען מען דארף פאהרען, דערמיט וואס זיי האבען בעשלאסען, מען זאל דערצו קיין איינציגע פרוטה נישט געבען, זוכט אייך געלד ערגעץ אנדערש! פון דעם נאציאנאל־פאנד־קאפיטאל רעד איך נישט, דערפון דארף מען נישט ריהרען, ווייל דאס איז געזאמעלט ספעציעל פאר פאלעסטינא, אבער די שקל־געלדער פאר וואס זאל מען דערצו נישט נעמען? יעדער וואס צאהלט א שקל ווייסט, אז מען האט בעשלאסען צו שיקען איין עקספעדיציע, מעג מען דעריבער נעמען צו דעם צוועק פון די שקל־געלדער.

ווי נאריש איז עס צו פארביטען דעם קאלאניאל־באנק, צו געבען געלד צו דעם צוועק. פון איצט רעד איך נישט, אבער, אז די עקספעדיציע וועט צוריק קומען און געפינען, אז דאס לאנד איז גוט צום קאלאניזירען, איז דאס איין עולה נישט צו לאזען מיט דעם באנק-געלד קיין זאך נישט טון. ווי זאל די קאמיסיע עפיס טון, אז מען גיט קיין געלד נישט? איך האב מורא, מיר וועלען דארפען ערגעץ אנדערש געלד נעמען און יענע וועלען אונז שטעלען אזוינע תנאים, וואס וועלען שאדען אסך דעם נאציאנאלען כאראקטער פון אונזער בעוועגונג. האט דער קאנגרעס בעשלאסען, מען זאל שיקען איין עקספעדיציע מוז זי אויך בעזארגען דאס געלד וואס איז דערצו נייטיג.

ה' גרינבערג ענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער: איך בין זיכער, אז די געגנערס פון פראיעקט וועלען זיך מישב זיין און וועלען מיט אונז געהן. זיי וועלען ניט מעהר קענען צוהערען די קרעכצען פון זייערע ארימע ברידער און וועלען זיי איינאיינעם מיט אונז העלפען.

די „וועלט", וואו די דאזיגע רעדע איז געדרוקט, בעמערקט, אז דער אקציאנס־קאמיטעט שטימט נישט איין מיט די מיינונגען פון ה' גרינבערג.

פאליטישע ענינים.

(גראף לאמסדארף אין פאריז. — דער צוועק פון זיין רייזע. — דער רוסישער און דייטשער קייזער אין וויסבאדען. — א מלחמה צווישען ענגלאנד און פראנקרייך. — דער סולטאן פראטעסטירט).

דער רוסישער מיניסטער דעס אייסערן גראף לאמסדארף איז געפאהרען קיין פאריז, וואו ער האט מיט דעם פראנצויזישען מיניסטער דעס אייסערן דעלקאסע וועגען וויכטיגע פאליטישע ענינים פארהאנדעלט.

די פריינדשאפט צווישען רוסלאנד און פראנקרייך האלט שוין זייט א פאר יאהר און אין די גאנצע צייט האט זיך נאך קיינמאל נישט געוויזען קיין שום סימן, אז די פריינדשאפט צווישען די ביידע רעגירונגען ווערד שוואכער, און דעריבער דארף מען נישט גלויבען די

נאט האט אונז ארויסגעפיהרט פון דעם געפענגעניש מצרים, פאר וואס זשע זאלען מיר נאך אמאל געהן צו די מצרים אין געפענגעניש?... און דאס וואס איהר זאגט מיר וועגען יוסף הצדיק האט ער אונז יודען איבערגעלאזט א צוואה, אז אפילו זיין טויטען גוף זאלען מיר ניט איבערלאזען אין אפריקא... אט דאס איז געוועזען יוסף הצדיק! וואס מיינט איהר אייך? וואלט יוסף הצדיק געוואלט פאהרען מיט הערצלען קיין אפריקא? מ... ממ!...

— איך וויים ניט צי וואלט יוסף געפאהרען נאר... אויף מיין ווארט ר' נחום, ווי אלע דערציילען איז אוגאנדא א גן־עדן! איין אמת'ער גן־עדן!

— זאל זיין...

— און פאלעסטינא... נו, איך פארשטעה אייך, אז פון היסטארישען און פון אידעאלען שטאנדפונקט... נאר מען דארף אויך בארעכענען די מאטעריאלע, די פראקטישע זייט. פאלעסטינא איז שטיינער מיט זאמד, ווילדע בערג, פארלאזטע פעלדער, אויסגעטרוקענטע טייכלעך און ווינציג וועלדער, היינט די ווילדע בעדואינען און פארשידענע שלאפקייטען, וואס די גרויסע היצען ברענגען דארטען פאלעסטינא איז ניט אין שטאנד צו האדעווען אלע יודען. ווען זיי זאלען אנהויבען עמיגרירען אין גרויסע מאסען אין פאלעסטינא וועט איהר דערשטיקט ווערען נאך מעהר ווי אין דער „טשערטא", וואו איהר געפינט זיך איצטער. היינט איז נאך א גרויסע סברא צי די טערקען וועלען א סך יודען דארטען אריינלאזען און אפילו ווען די טערקען זאלען אייך יא אריינלאזען וועט איהר זיך ניט פיהלען אזוי זעלבשטענדיג ווי אין אוגאנדא אונטער דער הויפט־אויפזיכט ווי אזא געבילדעט פאלק ווי די ענגלענדער. פאלעסטינא קאן ניט בעסער מאכען די עקאנאמישע פראגע פון די צעזייעטע און צעשפרייטע יודען און אוגאנדא איז א גן־עדן!

ר' נחום האט אנידערגעשטעלט אויף מיר זיינע אויגען און געפרעגט:

— יונגער מאן! ווייסט איהר וואס איז אזוינס א גן־עדן?

איך האב א ביסל אטראכט געטאן און זיך מודה געוועזען:

— ניין, ר' נחום, איך וויים ניט וואס איז אזוינס א גן־עדן.

— נו, הערט זשע מיך אוים א ביסל, וועל איך אייך דערציילען וואס דאס איז אזוינס א גן־עדן.

און ער האט אנגעהויבען דערציילען:

עס איז געוועזען און עס האט געלעבט איינער א גרויסער צדיק א תלמיד חכם, וואס האט אלע גאט'ס געבאטען געקאנט אויסווייניג און זיי אלע מקיים געוועזען, אז גאט אליין האט אנגעקוועלט פון איהם. ווען דער גרויסער צדיק איז געשטארבען און געקומען אויף יענער וועלט, האט גאט געזאגט, אז אזא צדיק דארף ניט ליידען קיין חבוט

השערה פון אייניגע צייטונגען, וואס זאגען, אז דער צוועק פון גראף לאמסדארפ'ס רייזע איז צו פארשטארקען די פריינדשאפט צווישען פראנקרייך און רוסלאנד, וואס איז די לעצטע צייט אביסל אבגעקיהלט געווארען. א ראיה, אז דער רוסישער קייזער איז געפאהרען קיין וויסבאדען, וואו ער האט זיך צוזאמענגעטראפען מיט דעם דייטשען קייזער; ווען רוסלאנד זאל נישט זיין זיכער מיט פראנקרייכ'ס פריינדשאפט און וואלט זיך באמת בעמיהט עס צו פארשטארקען, וואלט זי צו דייטשלאנד — פראנקרייכ'ס גרעסטער שונא — נישט געוויזען אזא פריינדשאפט. דאס בעווייזט אונז, אז די פריינדשאפט צווישען די ביידע רעגירונגען איז אזוי שטארק, אז אפילו דאס צוזאמענטרעפען אין וויסבאדען קאן איהר נישט אבשוואכען.

ריכטיגער איז שוין די מיינונג פון די וואס זאגען, אז דער צוועק פון לאמסדארפ'ס רייזע איז צו פארשטארקען דעם שלום אין אייראפא, וועלכער שטעהט אין דער לעצטער צייט אין געפאהר א דאנק די מיהע פון דער ענגלישער פאליטיק סיי אין ווייטען מזרח — יאפאניע און חינא — סיי אין נאהנטען מזרח — טערקיי און בולגאריע.

ווי עס איז בעקאנט האט די ענגלישע רעגירונג געשלאסען א בונד מיט די יאפאנישע רעגירונג אויף דעם אייגענעם אופן ווי רוסלאנד האט געשלאסען מיט פראנקרייך. שטעלען מיר אונז פאר, אז עס ברעכט אויס א מלחמה צווישען רוסלאנד און יאפאניע און דאס יאפאנישע חיל וועט שלאגען די רוסישע פלאטע, דארף די פראנצויזישע רעגירונג שיקען איהר חיל צו העלפען רוסלאנד, דען דאס איז איינער פון די פונקטען אין דעם רוסיש-פראנצויזישען בונד, אז ווען איינער פון די ביידע מלוכות וועט זיין שוואך אין דער מלחמה מוז די אנדערע איהר העלפען. געגען רוסלאנד און פראנקרייך איז יאפאניע שוואך און דעמסטמאל ווידער מוז ענגלאנד, אויך לויט דעם אייגענעם אויבענדערמאנטען פונקט, וואס געפינט זיך אויך צווישען דעם ענגליש-יאפאנישען בונד, שיקען איהר חיל צו העלפען יאפאניע און דעמסטמאל הייסט נישט נאר, אז פראנקרייך העלפט רוסלאנד, נאר זי האלט אויך מלחמה מיט ענגלאנד און אזא וועלט-מלחמה וויל רוסלאנד פארהיטען און לויט ווי די לעצטע ידיעות מעלדען, איז דעם גראף לאמסדארף געראטען, צוציהען פראנקרייך צו רוסלאנד און איינעם זיך בעמיהען נישט צו דערלאזען צו קיין מלחמה אויף דעם ווייטען מזרח און די מיהע פון די יאפאנישע „דזינגואיסטען" (וואס ווילען מלחמה) אונטערגעהעצט פון די ענגלענדער איז אומזיסט.

נישט ווייניגער ווי פון יאפאניע שוועבט א געפאהר איבער'ן שלום אין אייראפא פון טערקיי. די טערקישע רעגירונג איז שטארק אומצופרידען פון די פונקטען, וואס רוסלאנד און עסטרייך האבען איהר פארגעלעגט וועגען די רעפארמען אין מאקעדאניע. דער סולטאן פראטעסטירט געגען דעם, וואס מען וויל צוזעצען צו חילמי פאשא, וואס איז אויפגענומען איינצופיהרען די רעפארמען אין מאקעדאניע, נאך צוויי אויפזעהערס — קריסטען אייראפייער, ער בעטראכט עס אלס דעם ערשטען שריט זיך אריינצומישען אין די טערקישע אינערליכע פאליטיק. ער איז מסכים צו אלע רעפארמען און איז גרייט עס אויסצופיהרען, אבער אליך אליין, קיין אייראפייאישע רעגירונג זאל זיך אין דעם נישט אריינמישען.

דער שטארקער טאן, מיט וועלכען דער סולטאן פראטעסטירט געגען די פונקטען, וואס רוסלאנד און עסטרייך האבען איהם פארגעלעגט, בעווייזט, אז דער סולטאן ווייסט, אז מען וועט איהם בעהילפיג זיין, אויב מען וועט איהם וועלען צווינגען אנצונעמען די פונקטען. די הילף ערווארט ער, ווי עס איז לייכט צו פארשטעהן, פון ענגלאנד און ווידער קאן אויסברעכען איין אלגעמיינע אייראפייאישע מלחמה. דאס צו פארהיטען איז געוועזען דער צוועק פון גראף לאמסדארפ'ס רייזע, דען אז די טערקישע רעגירונג וועט וויסען, אז פראנקרייך וועט אויך מיטהאלטען מיט רוסלאנד, און עסטרייך און דייטשלאנד וועט שטעהן פון דערווייטענס, וועט זי נאר מיט ענגלאנד'ס צוזאג אליין איהר צו העלפען נישט וואגען צו האלטען מלחמה, און אזוי וועט דער שלום אין אייראפא געזיכערט זיין.

הקבר און איבער געהן די שבעה מדורי גיהנם ווי אלע אנדערע וואס קומען אויף יענער וועלט, אפילו די צדיקים, נאר אזא גרויסען צדיק זאל מען גלייך אריינלאזען אין גן עדן און גאט האט געשאפט: פיהרט איהם אין גן-עדן!

א מלאך האט גענומען דעם צדיק און איהם געפיהרט אין גן עדן און געזעהן האט פאר זיך דער גרויסער צדיק א לאנד, וואס דער שטויב איז דארטען טייערער פון גאלד און די ערד איז טייערער פון בריליאנטען. אויף די ביימער האבען געהאנגען וואונדערליכע פירות און אפילו די ניט צייטיגע פירות זענען זיך צעגאנגען אין מויל ווי טייערער מייד און פון די פארטיגע פרוכטען האט זיך געגאסען דער זאפט ווי טייערער וויין. פארשידענע ווילדע חיות האבען געלעבט מיט די מענשען אין בעסטען שלום און די פייגעל האבען געזונגען און פארשידענע בהמות האבען געמרוקעט קלוג, אפילו דער אייזעל אין גן-עדן איז געוועזען קליגער פון אלע חכמים אויף אונזער זינדיגער ערד.

איז געשטאנען דער גרויסער צדיק צווישען דעם אלעמען און געזונגען א לויב צו גאט. צו ביסלעך האט דער צדיק אנגעהויבען פיהלען ווי עס הויבט איהם אן הונגערן.

— שעם זיך ניט, האט זיך צו איהם געווענדט דער מלאך, רייס אב א פרי און עס.

נאר דער צדיק האט געענטווערט:

— איך וועל שוין אביסל צוווארטען, איך וויל ניט קאליע מאכען דעם אפעטיט. גאט האט אונז צוגעזאגט דעם גן-עדן-מיטאג פון דעם לויתן און פון דעם שור הבר. איך וויל פארזוכען זייער פיש און פלייש.

דער מלאך האט זיך זעהר פארוואונדערט און געפרעגט:

— וואס איז דאס פאר א לויתן מיט א שור הבר?

און נאך מעהר פון דעם מלאך האט זיך פארוואונדערט דער צדיק און ער האט אויסגעשריגען.

— ווי איז דאס געהערט געווארען? דו, מלאך, ווייסט ניט פון דעם לויתן, מיט וועלכען גאט שפיעלט זיך? דו ווייסט ניט פון דעם שור הבר, וואס עסט אויף יעדען טאג טויזענט בערג?

און דער מלאך האט דערויף געענטווערט:

— דאס ערשטע מאל הער איך וועגען זיי.

— אויב אזוי, האט געזאגט דער צדיק, הער זשע אויס און לערען זיך, דאס וועט דיר צונוץ קומען, ווייל, ווי איך האב באמערקט, ביזט דו גאר ניט קיין געלעהרענטער מלאך און ווייסט ניט, וואס אין די קליינע אותיות'לעך שטעהט. אלעס וואס גאט האט באשאפען האט ער בעשאפען אין זכרים און אין נקבות, אזוי האט ער אויך באשאפען א לויתן א זכר, וועלכער שווימט גלייך און א לויתן א נקבה, וועלכע איז איינגעדרעהט ווי א רינג, און ווען זיי זאלען זיך מעהרען און פרוכבארען

נייעס פון דער וואך.

I. וועלט נייעס.

— עדווארד דער זיבענטער, דער קעניג פון ענגלאנד, האט, לויט ווי די „בירמינג. פאסט“ שרייבט, געשיקט א בריף צום דייטשען קייזער ווילהעלם דער צווייטער וועגען דעם וויזיט, וואס דער דייטשער קייזער וועט קירצליך מאכען אין ענגלאנד. בשעת דער דייטשער קייזער וועט זיין אין ענגלאנד וועט מען פארהאנדלען וועגען וויכטיגע פראגען, וואס זענען נוגע צו די ביידע רעגירונגען.

— פון קאנסטאנטינאפאל שרייבט מען, אז ווען די טערקישע רעגירונג וועט נישט אויספיהרען די רעפארמען, וואס רוסלאנד און עסטרייך האבען איהר פארגעלעגט, וועט מען איהר דערצו צווינגען, און צווישען עסטרייך און רוסלאנד איז שוין אבגערעדט, מיט וואס מען זאל די טערקישע רעגירונג צווינגען.

— פון יאקאהאמא, א שטאדט אין יאפאניע, איז מען מודיע, אז 40 רוסישע סאלדאטען זענען דעם 23 אקטאבער אריין אין וויא און 200 מאן זענען אריבער דעם טומאן און זענען אריין אין קארייאישען גרענעץ.

— דאס חינעזישע מיליטער, וואס שטעהט אונטער די קאמאנדא פון גענעראל מא־יו־קוי־נא, איז אנגעפאלען אויף די רוסישע מיליטער, וואס שטעהט ביי שאנחיי גואנא און האבען געהרג'עט פון זיי 21 מאן. אויף מא־גען איז אנגעקומען דער פארשטעהער פון דער שטאדט שאנחיי גואנא, צו מאכען וועגען דעם אן אונטערזוכונג.

— אין בראילאוו (קיעווער גוב.) האט מען געחאפט דעם מענשען, וואס האט שולד אין דעם אייזענבאהן־אומגליק, וואס האט פאסירט אויף דער סט. זשמערינקא. דאס איז א יוד, וואס האט בסוד געהאנדעלט מיט פולווער, ער אליין האט זיך אויך פארברענט א האנט ביי דעם אומגליק. פון 64 פארוואונדעטע זענען שוין 5 געשטארבען. ביי א טייל זענען אויסגעברענט די אויגען, א העלפט וועלען בלייבען אדער בלינד אדער אנדערע קאליקעס.

— די שטאדט מארשים אין פערסיע איז כמעט אין גאנצען חרוב געווארען דורך אן ערדציטערניש. כמעט 35 טויזענט מענשען זענען נע'הרג'עט געווארען.

— לויט די ידיעות פון דער רוסישער רעגירונג געפינט זיך איצט אין אדעסא 30 מיליאן פוד תבואה, ווייץ אליין געפינט זיך ביז 21 מיליאן פוד.

— דעם 20 אקטאבער איז אין שארלאטענבורג ביי בערלין געשטארבען דער בעריהמטער פראפעסאר טהעאדאר מאמזען צו 86 יאהר. דער פארשטארבענער פראפעסאר איז געוועזען איינער פון די גרעסטע געלעהרנטע און איבערהויפט אין די היסטאריע פון די רעמער. ער האט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זיין ליבע צו יודען און האט פיעל געשריבען גוטעס וועגען זיי.

— די לאגע פון די בורען אין טראנסוואל איז שרעקליך. פיעל בורען, וואס זענען פאר דער מלחמה געוועזען רייכע בעלי הבתים, געהען איצט ארום אין די הייזער בעטלען, פיעל שטארבען פשוט פון הונגער. מחמת דעם הונגער זענען אויסגעבראכען פארשידענע קראנקהייטען.

— אין דעם נייעם קליניק־אינסטיטוט, וואס איז געבויט געווארען אין פעטערסבורג, האט מען איינגעארדענט א גרויסען מוזיק־ארגאן, פון וועלכען עס געהען ארויס רייהרען אין די צימערען, וואו די קראנקע ליגען און יעדער קראנקער, וואס וויל הערען מוזיק, קאן זיך צו לעגען צום אויהר א רייהר, וואס גרייכט ביז זיין בעט און הערען. אויך איז אין דעם איינענעם קליניק דא ביי יעדען בעט א טעלעפאן, דורך וועלכען דער קראנקער קאן רופען יעדע צייט א דאקטאר אדער א בעדיענטען.

— אין וואטיקאן (דער פאלאץ וואו דער פאפסט וואהנט) איז געוועזען א שרפה. ביים איינלעשען דאס פייער האבען די „פאזשארנע“ פון דער איטאליענישער רעגירונג געהאלפען זעהר פיעל מציל צו זיין די אלטע פאפירען און ספרים, וואס געפינען זיך אין דעם ארכיוו פונ'ם וואטיקאן.

II. יודישע נייעס.

רוסלאנד. די אויסוואנדערונג פון קישינוב ווערד אלץ שטארקער. דאס רוב עמיגרירען ארימעלייט, קליינע סוחרים און בעלי מלאכות.

— זונטאג י"א חשון האט מען אין האמעל מקבר געווען די ספרי תורות, וואס זענען בשעת די אונרוהען צעריסען געווארען. צו דער לויה זענען געגאנגען איין עולם פון 2000 יודען.

— אין קישינוב איז געוועהלט געווארען צום שטאדט „גאלאוואי“

וואלטען זיי א תל געמאכט פון דער וועלט. וואס זשע האט גאט געטאן? האט ער דעם לויתנ'ס „זי“ געקוילעט און איינגעזאלצען אויף דער גרויסער סעודה, וואס ער וועט מאכען פאר די צדיקים און די „זי“ פון דעם שור הבר האט ער געמאכט פאר אן עקרה און האלט זיי אויך פאר דער גרויסער סעודה, וואס ער וועט מאכען פאר די צדיקים. אויף דער סעודה וועט מען אויך געבען די צדיקים טרינקען פון דעם יין המשומר, וועלכען מען האלט פאר די צדיקים זייט די וועלט איז בעשאפען געווארען. אזוי שרייבט רב לוי, רב יהודה, רב משה בר נחמן, דער אברבנאל, רש"י און נאך אנדערע תלמידי חכמים.

נאר דער מלאך האט א שמייכל געטאן און געזאגט.

— דאס איז אלץ מעשיות, וואס מען דערצייהלט ביי אייך אויף דער זינדיגער ערד, מיין ליבער פריינד, גלויב מיר, אז אין גן־עדן איז ניט דא קיין שום לויתן און קיין שור הבר. שוין זשע, דו חכם איינער, מיינסטו טאקי, אז גאט קאן ניט בעלוינען זיינע צדיקים מיט עפים בעסערס ווי מיט אלטע געזאלצען פיש און פלייש און מיט וויין, וואס איז שוין פון אלטקייט געווארען זויערע־ עסיג? פארגעס אין דיין לויתן מיט דעם שור הבר, קוק זיך ארום און זעה ווי אלעס איז דא אזוי שען, פארזוך די טייערע פירות און גיב א לויב צו גאט דערפאר, וואס ער האט דיר ערלויבט אריינצוקומען א הער.

נאר דער גרויסער צדיק האט זיך ביטער צעוויינט און געזאגט דעם מלאך:

— פיהר מיך אוועק פון דאנען! איך וויל דא ניט בלייבען!

— דו ביזט ביי דיין שכל? האט געזאגט דער מלאך — פון זינט די וועלט שטעהט האט נאך קיינער פון דעם פארגעניגען אין דעם גן עדן ניט געוואלט אוועקגעהן.

דער צדיק האט געענטווערט.

— פון דעם פארגעניגען אין גן עדן זאג איך זיך אויך ניט אב, נאר דאס ארט, ווי אהין די האסט מיך איצטער געבראכט, איז ניט קיין גן עדן, ווייל דא איז ניט דא קיין לויתן און קיין שור הבר!

דער מלאך האט ווידער געזאגט:

— א לויתן מיט א שור הבר איז קיין מאל ניט געוועזען.

— עס קאן ניט זיין, האט דער צדיק גע'טענה'ט.

— נאר אז איך, מלאך, זאג דיר? האט אויסגעשריגען דער מלאך.

— עס קאן ניט זיין! — האט גע'טענה'ט זיינס דער צדיק — ווייל שוין זייט טויזענטער יאהר, אז גאט האט זיי צוגעזאגט זיין פאלק און ווען מיר האבען געהונגערט און געדארשט אויף דער ערד, האבען מיר איבערגעליטען דעם הונגער און דארשט, זיך געשטארקט אין דער

ד"ר סיצינסקי, א שוואגער פון דעם פאריגען גאלאווא שמידט, וועלכער איז שטענדיג גוט געוועזען די יודען.

— דער מאהליווער גובערנאטאר האט זיך געווענדעט מיט א בקשה, צום מיניסטער דעם אינערן, מען זאל ערלויבען צו קלויבען נדבות פאר די נשרפים פון קראסנאפאליע און צו ערלויבען די יודישע נשרפים צו וואהנען א חודש אין די דערפער וואס ארום שטאדט.

— די צאהל נדבות פאר די האמלער ארימע יודען ווערד גרע־סער, עס האט שוין דערגרייכט ביז 60,000 רובל, דאס הייסט א העלפט פון זייער שאדען. אסך יודען הויבען אן פון האמעל אויסצוואנדערען. בעלי מלאכות געהען קיין דרום רוסלאנד.

— אין דער ווארשעווער היגיענישער געזעלשאפט גרינדעט זיך א בעזונדער אבטיילונג, וואס וועט זיך פארנעמען מיט פארברייטען ריינליכ־קייט און היגיעניע צווישען די יודען.

— דער מ"ע אין פאלטאווא איז זיך משתדל אין פעטערסבורג צו בעקומען איין ערלויבניש ארויס צוגעבען זיין מאנאטס־בלאט „הפלס", אלס טאג־בלאט אין רוסלאנד. דאס בלאט ווערד איצט געדרוקט אין דייטשלאנד.

— פון לאדז שרייבט מען, אז צו די רבנים־אספה, וואס וועט זיין אין גראדנא, זענען פון די פוילישע נאר 8 איינגעלאדען געווארען. אין נאמען פון דעם לאדזער רב איז מען מבטיח, אז פון דעם ציוניזם וועט נישט גערעדט ווערען.

— דאנערשטאג ח' חשון איז אין ווילנא געשטארבען ר' הלל נח שטיינשניידער, וועלכער האט געשריבען איינינע ספרים און פיעל מאמרים אין העברייאיש פון דער ליטווישער יודישער געשיכטע.

דייטשלאנד. ד"ר פאול נאטהנזאהן אוים בערלין האט אויף דער לעצטער פארזאמלונג, וואס איז געוועזען ביי דעם „הילפס־פער־איין פון די דייטשע יודען", מודיע געוועזען אין זיין רעדע, וואס ער האט געהאלטען, אז דער פעראיין האט מנדב געוועזען פאר די ארימע יודען אין האמעל 55,000 מארק. אויך האבען צו דעם איינענעם צוועק מנדב געווען: די אבטיילונג „בני ברית" אין דייטשלאנד 8,000 מארק, דער פראנקפורטער פעראיין צו שטיצען די יודען פון מזרח־איירא־פא 10,000 מארק, די וויענער אליאנץ 5,000 רובל און איינינע פעראיינען אין לאנדאן 20,000 מארק.

— אין דעם לעהרער־אינסטיטוט, וואס די חברה „עזרה" אין דייטש־לאנד האט בעשלאסען צו גרינדען אין ירושלים, וועלען די לעהרער זיך מוזען אויסלערנען צו לערנען מיט זייערע תלמידים אלע וויסענשאפטען אויף העברייאיש.

ענגלאנד. אויף א פארזאמלונג, וואס איז געוועזען ביי דער חברה אגודת־אחים אין לאנדאן, האט דער ד"ר אדלער געזאגט, אז ווי עס ווייזט אוים וועט מען היינטיגעם יאהר אויך נישט רופען דעם רומענישען געזאנדטען צום באנקעט, וואס דער לארד־מער וועט מאכען, חאטש דער היינטיגע לארד־מער איז נישט מעהר קיין יוד. נאר א קריסט. דערמיט דריקט די ענגלישער רעגירונג אוים א פראטעסט געגען רומעניע, ווייל זי בעהאנדעלט אזוי שלעכט די יודען.

פראנקרייך. דרייפוס פריינד האבען איהם נישט לאנג איינ־געלאדען ער זאל מיט זיי פאהרען אויף דער יאגד. דרייפוס אבער האט די איינלאדונג נישט אנגענומען, ווייל דער קריגס־מיניסטער האט איהם געבעטען, ער זאל בלייבען אין פאריז צוליב די אונטערזוכונג פון זיין משפט.

אמעריקא. דעם היינטיגען שמיני עצרת איז אין פילאדעלפיע געשטארבען דער דארטיגער ראבינער ד"ר מרדכי יאסטראוו צו 74 יאהר. דער פארשטארבענער איז אין די יונגע יאהרען געוועזען פרע־דיגער אין דער ווארשעווער יודישער געמיינדע, שפעטער איז ער גע־וועזען רב אין מאנהיים און דערנאך אין דא־משטאדט, אין 1868 איז ער געווארען ראבינער אין פילאדעלפיע ביז דעם יאהר 1892. ער האט גע־שריבען פיעל ספרים אויף פויליש, דייטש און ענגליש און אויך געווען דער אויבער־רעדאקטאר אין דער תלמודישער אבטיילונג אין די יודישע ענציקלאפעדיע אויף ענגליש.

אפריקא. פון יאהאניסבורג שרייבט מען, אז ד"ר הערצל האט נישט אנגענומען דעם פארשלאג צו נעמען צו דער מזרח־אפריקא־עקס־פעדיציע פון די דרום־אפריקאנישע יודען.

ארץ ישראל. דער אדעסער קאמיטעט „צו שטיצען די קאלא־ניסטען און בעלי מלאכה אין פאלעסטינא" האט בעשטימט צעהן טויזענט פראנק אויף צו פארבעסערען דעם צושטאנד פון די בעלי מלאכות אין ירושלים.

— אין ירושלים איז געגרינדעט געווארען א חברה פון 25 מענשען,

אמונה און אפגעהיט זיין געבאט מיט דער האפנונג, אז גאט וועט אונז בעלוינען און אונז געבען פארזוכען פון דעם לויתן און פון דעם שור הבר.

— הער נאר! — האט געזאגט דער מלאך — איך שווער דיר, אז די דאזיגע גן־עדן פירות זענען בעטעמ'טער פון דיינע געזאלצענע דארע פיש, וואס די רופסט אן לויתן און אט דער מייד, וואס גיסט זיך פון די גן־עדן־בוימער, זענען א סך זיסער ווי דיין זויערער עסיג, וואס דו דארשט אזוי מען זאל דיר געבען טרינקען. בארעכען זיך, ווי ארים וואלט אויסגעזעהן דיין סעודה, וואס דיר גליסט אזוי, אין א לאנד, וואו אפילו די ערד בלישטשעט ווי א ברילאנט אין א גילדענער רייס.

— וואס האב איך דערפון? האט געענטווערט דער צדיק, האב איך דען געזוכט א גן עדן פון ברילאנטען מיט בעטעמט'ע שפייזעכצען? זאל אפילו די פיש פון לויתן זיין דאר ווי א פארעשעווע, נאר גאט האט מיר צוגעזאגט פיש פון דעם לויתן, וואס געפינט זיך אין גן עדן, איך האב געגלויבט און געהאפט, אז איך וועל באקומען אין גן עדן לויתן — מוז איך האבען מיין לויתן! זאל דער וויין פון יין המשומר זיין זויער ווי עסיג און ציפען מיין נימען ווי צענאסענער בליי, נאר מיר האט מען צוגעזאגט יין המשומר, איך האב געגלויבט און געהאפט, אז איך וועל איהם טרינקען און איך מוז טרינקען מיין וויין, וואס מען האלט איהם פון זייט די וועלט איז בעשאפען. ווען אבער אנדערש — איז דאס ניט קיין גן עדן. א גן עדן איז דארטען וואו מען איז מקיים אלעס אויף וואס דער מענש האט געהאפט און אין וואס ער האט געגלויבט. דארט, וואו מען איז ניט מקים, איז ניט דא קיין פארגעניגען! דאס בעסטע איז ניט דאס וואס מען גיט דעם מענשען צו ליב, נאר דאס וואס ער פארדיענט און עס קומט איהם לויט זיין רעכט. עסענדיג די בעטעמ'טעסטע פירות, וועל איך בענגען נאך די געזאלצענע פיש פון לויתן, ווייל ער איז מיינער און מען האט איהם ניט געגעבען מיר צו טרינקען! זאל זיין, אז דא איז א גן עדן, נאר ניט אין אזא גן עדן האב איך געגלויבט ניט א הער האב איך זיך געצויגען! לאז מיך אוועקגעהן פון דאנען, איך וויל ניט זיין אין קיין פרעמדען גן עדן! אדער ווייז מיר מיין גן עדן אדער פיהר מיך אין גהינם.

ווען דער מלאך האט אויסגעהערט די ווערטער פון דעם צדיק האט ער אנגעהויבען שטראהלען פון שמחה און געזאגט:

— די ביזט גערעכט, גרויסער צדיק, וואס די האסט אזוי שטארק געגלויבט אין גאט'ס געבאט, וואס ער האט געגעבען זיין פאלק ישראל, בערוהיג זיך: דאס איז נאר געוועזען פאר דיר א פרובירונג, צי דיין שטארקע אמונה פארדיענט דעם גן עדן. דאס שיינע ארט, וואס די זעהסט איצטער, איז נאר א פארהויז פון דעם גן עדן. אט איצטער וועלען מיר ערשט געהן אין גן עדן אריין! געה אריין און איבערציינ זיך, אז גאט נארט ניט אב זיינע צדיקים; אין וואס יעדער גלויבט אזא גן עדן עפענט ער פאר איהם.

וואס ווילען זיך קאלאניזירען. יעדער חבר לעגט איין 2000 פראנק. דער אדעסער קאמיטעט וועט זיי אויסלייהען 25,000 פראנק און מען רעכענט, אז יק"א וועט זיי אויך לייהען א געוויסע סומע.

יודישע באסיאקעס אין לאנדאן.

יודישע „באסיאקעס" — ווי ניט יודישליך קלינגט דאס און דאך מיר האבען זיי — פאר וואס ניט זאגען דעם אמת?

די יודען אין לאנדאנער „ווייטשעפעל" בעריהמען זיך מיט רעכט, אז פון דער צייט אן, וואס זיי האלטען זיך דארט אויף, איז די געגענד זיכער געווארען. פריהער פלעגט מען אין געוויסע געסלעך פון „ווייטשעפעל" אויך ביי טאג מורא האבען פארביי צו געהן און איצט קאן מען אהן מען פחד אויך ביי נאכט דארט שפאצירען. מען ראבעוועט ניט, מען גנב'עט ניט און מען פארגוואלטיגט קיין פרויען ניט.

נאר עס האבען זיך אין לאנדאן, טאקי אין יענער יודישער געגענד, אויסגעבילדעט אזעלכע יודישע חברות, וועלכע ווארפען א מורא אויף טויזענטער מענשען און אפילו אויף פאליציי אויך.

ווי קיין אמעריקא אזוי אויך קומען קיין לאנדאן נעבען יענע ארימע טויזענטע יודישע עמיגראנטען, וואס זוכען ארבייט, כדי דאס לעבען צו דערהאלטען, אויך אזעלכע נפשות, וואס האבען געמוזט א דאנק זייערע שמוציגע מעשים אוועק פון דער היים, — טייל „גרויסע" גנבים, טייל ארעסטאנטען, טייל געפעהרליכע קארטענשפיעלער א. ד. ג., פאר וועלכע די „טשערטא" איז שוין געווארען צו ענג — חאפען זיך אריבער קיין לאנדאן אדער ניו-יארק, און זיי הייבען אן „מאכען א לעבען" אויף זייער שטייגער.

נישט-קשה, מיר דארפען ניט אלעס פארדעקען, פארשטעקען. צווישען מיליאנען יודען, וועלכע לעבען אין אזא ביטערער נויט, מוזען זיך געפינען אביסל רעכט פינסטערע נפשות.

די דאזיגע נפשות, קומענדיג אין דער ריזען-שטאדט לאנדאן, פארלירען זיי זיך. זיי זוכען אב דערפאר קודם-כל די יודישע געגענד, וואו זיי פיהלען זיך, ווי אין דער היים. באלד דערוויסען זיי זיך, אז גנב'ענען אין לאנדאן איז א ביטערער עסק. די פאליציי האט דארט צו שארפע אויגען און די ריכטער בעשטראפען שטארק פאר יעדער קלייניגקייט דעם געכאפטען גנב. דערפאר וועט איהר דא ניט געפינען פיעל אזעלכע, וואס „מאכען א לעבען" נאר פון גנבות. — וואס זשע טוען זיי אבער פארט? לעבען מוז מען אבער דאך! נו איז דאך דא א כלל אין לעבען, אז „אחדות מאכט שטארק" און אונזערע לייט גרינדען חברות טאקי אין פשוט'ען זינען פונ'ם ווארט. אזעלכע „יודישע" חברות זענען פאראן עטליכע אין ווייטשעפעל. עס איז פאראן איין אדעסער חברה, א רומענישע חברה, חייקעלס חברה און נאך אזוינע. ווי איהר זעהט ווערען די חברות אנגערופען אדער נאך דער שטאדט, אדער נאך דעם לאנד, פון וואנען די לייט קומען, אדער נאכ'ן נאמען פונ'ם גרעסטען העלד, פונ'ם גרינדער. איינע פון די וויכטיגסטע חברות איז די „בעסאראבער".

מיט דער דאזיגער חברה האב איך געהאט דאס גליק זיך נעהנטער צו בעקענען. ניט יעדער קאן האבען אזא זכיה. איך האב דארט א צד אין משפחה... איך האב דארט געפונען מיינעם א לאנדסמאן, אפילו ניט קיין בעסאראבער, און דער דאזיגער חברה-מאן האט מיך שוין „איינגעפיהרט".

די הויפט-ארבייט פון אזוינע חברות בעשטעהט אין קארטענשפיעלען, שכור'ן און עסקים מיט נקבות. כמעט יעדער האט זיך זיין אייגען גאסען-מיידל אויף א צייט, אזוי לאנג ער צעקריגט זיך ניט מיט איהר. דאס מיידל זיינס געהט אויף דער גאס „פארדיענען" און דערפון דערנעהרט זי זיך און איהם, איהר בעשיצער. זי קליידט איהם און קעכעלט איהם ווי א „געליבטען מאן". ער האט דאס מאראלישע רעכט זי צו שלאגען, אויב זי פארדיענט ניט גענוג געלד... און זי טראגט אלעס פון איהם געדולדיג איבער, ווארום עס איז פאר

און ווען דער גרויסער צדיק איז ארייך אין גן עדן האט ער געזעהן אלעס, אין וואס ער האט געגלויבט: ווי גאט שפיעלט זיך מיט דעם לויתן און דעם שור הבר, וואס עסט אויף טויזענט בערג און דעם צאפען פון וועלכען עס גיסט זיך דער יין המשומר...

— פארשטעהט איהר שוין יונגערמאן? האט מיך געפרעגט דער אלטער ר' נחום נאך דעם ווי ער האט געענדיגט זיין מעשה, וואס איז אזוינס א גן עדן.

— איך פארשטעה, ר' נחום!

ר' נחום איז אויפגעחאפט פון זיין ארט. א הויכער, נאר איינגעהויקערט פון אלטקייט מיט א טרעסעלדיגער באָרד, האט מיט ביידע הענט זיך א קלאפ געטאן אין זיין איינגעפאלענער ברוסט.

— א גן עדן איז דארטען, וואו עס ווערד מקוים די אמונה! זאלען דארטען די זשיראפען זיך שפאצירען! וואס איז מיר אוגאנדא, אז איך זוך ציון? איז דען אפריקא—כנען? איז דען אוגאנדא—ירושלים? אויב איינער אזא הערצל איז בכח צוזאמען קלויבען דאס פאלק ישראל קיין ציון, בין איך זיין מענש. ווען אבער הערצל האט ניט קיין קרעפטען פאר ציון, וועל איך איהם זאגען: „הער דאקטאר הערצל! טוט מיר, איך בעט אייך, א נעניידיגקייט און לאזט איבער דעם אלטען ר' נחומ'ען צורוה אין בערדיטשוב".

ער האט זיך פריינדליך מיט מיר געזעגענט און אוועקגעהנדיג האט ער געשעפטשעט: אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני!

זאל מיין רעכטע האנט אבדארען,
זאל מיין צונג צים גימען קלעבען,
און איך זאל ניט קענען רעדען, —
אויב איך וועל, ירושלים,
דיך פארגעסען ווען אין לעבען,
ניט דערמאנען דיך אין פריידען...

איך בין געזעסען אליין און געטראכט: אוגאנדא קאן ניט פארבייטען ציון. א גן עדן קאן ניט אויפבליהען דארט, וואו עס ווערד פארוויאלעט איין אידעאל...

אויס דעם רוסישען איבערזעצט פון

א.—ב.

איהר בעסער פון איינעם אלע צרות אויסצולײדען איידער פון עטליכע, וואס זי קאן זיך אויף זייער יושר ניט פארלאזען. האט זי איינעם, וועלכען זי האדעוועט אזוי, איז ער באמת איהר בעשיצער. ער בעהאלט זיך אין א צווייטען צימער, און ווי באלד נאר דער „גאסט" פארהאלט זיך ניט עהרליך, מאכט מינעם ניט צו בעצאהלען, אזוי שפרינגט ער ווי פון דער ערד ארויס און דער גאסט איז שוין דאן צופרידען, אז ער בלייבט לעבעדיג. יעדע גאסען־מיידל אין לאנדאן מוז זיך האבען אזא מין בעשיצער, אויב זי וויל „עקסיסטירען" און ווייל זי מוז איהם האבען, אזוי מוז זי פון איהם אויסשטעהן אלע זיינע קאפריזען.

נאר פון די מיידלעך אליין קאנען אונזערע חברה־לייט ניט אויסקומען. ניט „מיט ברויט אליין לעבט דער מענש". קארטען־שפיעלען און שכור'ען קאסט פיעל געלד. איז טאקי פאראן נאך א וויכטיגע געלד־קוועלע.

אין לאנדאן זענען פאראן יודישע „יוניאנס"; דאס זענען אזעלכע ארבייטער־ארגאניזאציעס, וועלכע האבען דעם צוועק די ארבייטער (די „יוניאן"־לייט) צו שיצען פון די ארבייט־געבער, אזוי אז די לעצטע זאלען ניט צופיעל עקספלואטירען, ניט צופיעל די ארבייטער טרעטען מיט די פיס. א דאנק פיעל סבות, פון וועלכע די רעדע קאן דא ניט זיין, זענען די יוניאנס זעהר שוואך ארגאניזירט, אזוי, אז זיי קאנען ניט גענוג שיצען די מיטגלידער זייערע. און אפט מאכט זיך ניט זעלטען ווען די מייסטער בעגעהען זיך שלעכט מיט די ארבייטער, בעגעהען זיך מיט גרוים אונרעכט און דער ארבייטער איז צו שוואך אליין זיך צו שיצען — די „יוניאן" קאן איהם אויך ניט פיעל העלפען — אזוי ווענדט ער זיך צו אזא מין חברה וועלכע העלפט איהם אין אמת'ן.

פארגליסט זיך א מייסטער פלוצלינג אהן א שום סבה איין ארבייטער אבצוזאגען פון ארבייט, אזוי בעצאהלט דער ארבייטער א פונט־צוויי (א פונט שטערלינג איז 9,50 רובל בערך.) און א פאר חברה־לייט פוילען זיך ניט און געהען צום מייסטער. פון וועלכען זיי פערלאנגען מיט'ן „הארטען ווארט" צוריק דעם ארבייטער צו בעשעפטיגען. העלפט ניט דאס „הארטע ווארט" אזוי העלפען די „הארטע הענט" און ניט נאר דער מייסטער, נאר אויך יענע ארבייטער, וועלכע האבען חשק אוועקצונעמען דעם פרייען פלאץ פון'ם אבגעלאזטען ארבייטער, פיהלען אויף זיך יענע „הארטע הענט". זעהר אפט מוז דער מייסטער נאכגעבען און דער נייער ארבייטער מוז אוועקגעהן. איין עצה העלפט זיי אבער אמאל: דער מייסטער און דער נייער ארבייטער בעצאהלען נאך מעהר, מען מאכט מיט די „חברה־לייט" א כוסה און ש—שא! די חברה־לייט זענען צופרידען; זיי האבען פון ביידע צדדים בעצאהלט בעקומען און זיי מישען זיך ניט מעהר.

אי, יושר?! — מילא, מענט איהר האבען טענות.

און הונדערטער מייסטערלעך שרעקען זיך פאר די דאזיגע חברות. צונעמענדיג א נייעם ארבייטער פרעגט דער מייסטער אפט, צי איז ער ניט פון בעסאראביע אדער נאהנטע געגענדען?!

פאר אונזערע חברה־לייט איז נאך א וויכטיגע געלד־קוועלע פאראן. ווייל איינער דעם צווייטען אנהרג'ענען, זיך נוקם זיין אין איהם, אזוי ווענדט ער זיך צו דער „בעסאראבער חברה" און דארט קריגט ער פאר געלד אלעס.

די חברה האט זיך איהר „כשר"־רעסטאראנט אין איינע פון די שמוציגסטע געסלעך. דארט עסט מען צוזאמען, מען שכור'ט און מען שפיעלט דורך די נעכט אין קארטען. דערביי קומען אפט קלענערע און גרעסערע שלעגערייען פאר, וועלכע ענדיגען אפט מיט צע־שפאלטענע קעפ. דאס אלעס איז אבער מיט חסד. די ווירקליכע „לייטישע" שלעגערייען קומען פאר צווישען איין חברה מיט דער אנדערער. די סבות, וואס רופען ארויס אזעלכע שלעגערייען, זענען פארשידען. אמאל א מיידל, אמאל איין „ארבייטער־פראגע" א. ד. ג.

אזוינע שלעגערייען זענען זעהר אפט שרעקליך. פלאשען פליהען אין קאפ, אויהרען ווערען אבגעריסען, נעז אבגעביסען און שארפע שפיציגע מעסער פארקריכען אפט גאנץ טיעף אין בויך, אין דער ברוסט אדער אין האלז.

ניט איין מאל ווערען מאנכע חברה־לייט פארמשפט צו „הארט־לייבער" (א מין קאטארגא), אנדערע צו „פריזאן" (אסטראג), עס העלפט אבער גאר ניט. די שלעגערייען הערען ניט אויף און ניט איינמאל ענדיגען זיך אזעלכע מיט א פאר הרוגים.

און די דארטיגע אנטיסעמיטישע צייטונגען האבען דערפון גרוים פארגניגען. זיי דערצייהלען ניט פון א הריגה, וואס איז גע־שעהן דא אדער דארט, נאר זיי שרייען פון יודישער מערדעריי! דאס ווארט „יודען" ווערד מיט גרויסע און פעטע בוכשטאבען אב־געדרוקט און מען זוכט, מען קלערט אוים אלערליי מיטעל, כדי דער־פון צו מאכען א „יודענפראגע".

און יענע חברות טון זיך אבער ווייטער זייערס. זיי ווארפען א שרעק אויף גאנץ מזרח־לאנדאן. אפילו די פאליציי ציטערט פאר זיי. זי וויל ניט אויף זיך אויספריווען די „הארטע" הענט און די שארפע מעסער פון יענע חברה־לייט.

כדי איהר זאלט בעגרייפען דאס פארהאלטען זיך פון דער פאליציי ביי אזעלכע שלעגערייען מוזט איהר אייך בעקענען מיט דעם דאזיגען היגען מנהג: דא האט יעדער מענש, אויך די פרוי און דאס קינד, דאס רעכט זיך צו „פייטען" מיט א צווייטען עפענטליך אויף דער גאס. „פייטען" זיך הייסט פשוט, זיך שלאגען, זיך פריווען ווער עס איז שטארקער. ביי אזא מין „פייט" (וואס קומט דא זעהר אפט פאר), אזוי לאנג מען בעניצט דערביי נאר די הענט (ד. ה. קיין געוועהר, קיין שטעקען אדער מעסער), האט די פאליציי קיין שום רעכט ניט זיך אריינצומישען. איהר זעהט דא ווי צוויי מענשען (אויך קינדער און פרויען) שלאגען זיך שעות לאנג, נעבען זיי שטעהען הונדערטער מענשען, פיעל פאליציסטען, איהר קאנט ניט צוקוקען ווי אזוי מען דערלאזט צו אזעלכע סצענעס — איהר מוזט אבער שווייגען, אלע מוזען שווייגען, די פאליציי מוז שווייגען און נאר זעהן צי שלאגט מען זיך נאך אלע פאראגראפען פון דער וויסענשאפט.

די וואס שלאגען זיך, זעהען, פיהלען ווי דאס רעדל ארום זיי ווערד וואס אמאל גרעסער און גרעסער ביז עס זאמעלט זיך אן א סך מענשען, זיי פיהלען ווי אלעמענס אויגען קוקען אויף זיי און זיי געבען זיך די גרעסטע מיה דאס שלעגעריי צו פארלענגערען.

איהר קאנט שוין איצט פארשטעהן, אז ווי באלד אזא מין „פייט" קומט פאר אין דער פינסטער, אין א זייט־גער גאס, אזוי ווערען געוועהנליך אויך מעסער אנגעווענדט נאך איידער די פאליציי בעמערקט.

שרעקליך, זעהר שרעקליך ווערען די געשלעגערייען ווען זיי קומען פאר צווישען איין חברה און דער אנדערער. דענסטמאל זוכט די פאליציי (אויב זי איז ניט שטארק אין צאהל אין יענעם געגענד) אויסצומיידען די ערטער.

מען דארף אבער וויסען, אז ניט די יודישע חברות, ניט די בעסאראבער, למשל, האבען אין לאנדאן איינגעפיהרט דיעזע ארט פון שלעגערייען. דאס האבען זיי אין לאנדאן גופא דערלערנט און אלס „פעהיגע" מענשען האבען זיי זיך גיך אויסגעלערנט און זיך ארגאניזירט.

און מיינט ניט אז די חברה (די בעסאראבער) נעמט אן יעדען גנב, שכור אדער קארטען־שפּיעלער. ניין! איך קען איינעם, א „בע־ריהמטען" גנב פון דער היים, א געוועזענער אַרעסטאַנט, א הויכער, א ברייטער, געזונטער מאן מיט בלוטיגע אויגען; בקצור: א „קלאסי־שער" נפש, פונקט פאר אזא מין „חברה" און דאך האט מען איהם ניט געוואלט אויפנעמען; ער קאן זיך ניט געשיקט „פייטען".

* * *

צו זאגען, אז אזוינע חברות זענען פאר אונז א שאנדפלעק איז איבריג. צו בעשולדיגען דאס יודישע פאלק פאר זיי איז א גרויסע עולה. נאר ווי די זאך איז — מיר זענען יודען און טוט וואס איהר ווילט — פאר אזעלכע ברואים מאכט מען אונז אלע ערב.

איז פאראן א מיטעל געגען דעם?

ד״ר יחזקאל ווארטסמאן.

אויף מבינות.

(ערצעהלונג).

די כלה האט מען אראבגעבראכט אויף די אנדערע טעג יום־טוב. זי איז געוועזען א הויכע א דארע, דאס געזיכט א קליינס, די אויגען שווארצע מיט א פארלאשענעם גלאנץ, און עס איז אין זיי געלעגען א טרויעריגער ערנסט, עפּיס א מין בענגען. די תנאים זענען געוועזען מיט א חדש צוריק, דעם חתנ׳ס פאטער איז אויף די תנאים ניט געפאהרען. ער האט קיין צייט ניט געהאט. און אגב האט די מחותנת׳טע, דעם חתנ׳ס מוטער, זיך געהאלטען, אז זי איז מעהר מבין אויף א כלה ווי ער.

דער וועג איז געוועזען א שלעכטער. די גאנצע פינף שעה, וואס די רייזע האט געדויערט, האט געגאסען א קאלטער רעגען, און א ווינט, א בייזער, א כעסן האט געריסען די טוך, אין וועלכע די כלה איז געוועזען איינגעוויקעלט און אז ער האט ניט געקאנט גובר זיין די טוך האט ער אריינגעבלאזען אונטער דער טוך און זי איז געקומען א דערפרוירענע.

— לאמיר נאר אנקוקען די כלה — עפּיס א שיינע? האט דעם חתנ׳ס פאטער ר׳ חיים, דערהערענדיג אז די כלה איז געקומען, פרייהליך מיט א וויצעלע אויסגערופען.

ער האט זיך גענומען די הענט אין די באקעס, אויסגעשטעלט זיינע גרויסע סארע אויגען און האט אנגעהויבען קוקען מיט איין ערנסטען שמייכל.

— ניש־ק־שה! האט ער ארויסגעצויגען און ווייטער זיך גענו־מען קוקען, און צו געגעבען:

— חשך אביסל!

די כלה האט זיך געסטארעט צו שמייכלען און האט געענפערט:

— איהר וועט מיר גוט צוזעהן וועל איך זיך ביי אייך אין געסט פאפראווען.

— גערעכט, גערעכט! האט ר׳ חיים צופרידען אויסגערופען — און ער האט שוין בעשלאסען ביי זיך אין געדאנק, אז זי איז ניט קיין נאר.

באלד איז אין שטוב געווארען א גרעסערער גערודער. די קינ־דער, וועלכע זענען ווער אויפ׳ן גאס און ווער אין א צווייטען צימער געוועזען, זענען זיך צוזאמען געקומען און אנגעהויבען אהן שום צערע־מאניעס אריינרוקען זייערע גאנצע פנים׳ער אין דער כלה׳ס פנים אריין, כדי איהר בעסער צו בעטראכטען. און דאס יונגסטע יונגל בערטשיק, מיט ניט קיין ריינעם נעזל, האט זיך אזוי נאהנט צו איהר צוגעריקט, אז די כלה, ווי העפליך זי האט זיך ניט געוואלט האלטען, האט זיך דאך אבגעקעהרט פון איהם...

באלד איז א פארספעטער געקומען דער חתן, וועלכען מען האט געשיקט אנזאגען.

ער האט איהר גלייך געגעבען די האנט, געפרענט מיט האלבען מויל, וואס מאכ... די איבעריגע אותיות האט ער פארשלונגען, עס זאל ניט זיין קענטיג, צי ער „דוטשעט" זי, צי ער „איהרצט" זי און איז זיך געלאפען איבערטון.

— די כלה מוז וועלען עסען! האט דעם חתנ׳ס מוטער, ביילע, א נארישע יודענע, וואס האט זיך געהאלטען פאר א גרויסע חכמה, אויסגעשריגען.

— ניין, א דאנק! האט די כלה, וועלכע האט זיך שוין צו גע־זעצט, געענטווערט — איך וויל נאך ניט עסען.

— וואו האסטו געגעסען? האט די מחותנת׳טע געפארשט.

— ארויספאהרענדיג פון דער היים! האט די כלה געענטווערט. און האט אראבגעלאזען די אויגען אויף איהר פינגערל, וואס דער חתן האט איהר צו די תנאים געגעבען.

— די כלה וויל בעסער אברוהען! האט ר׳ חיים הויך אויפ׳ן קול גערעדט, ווייל איהם האט זיך געדאכט, אז וואס העכער ער וועט רע־דען וועט ער אלץ מעהר פריינדליכער זיין.

די כלה איז געוועזען מאט און צעבראכען פונ׳ם וועג, ניט רע־כענדיג שוין יענע צעבראכענקייט און מידעניש, וואס זי האט געהאט אין איהר נשמה זינט זי איז א כלה.

— איך וואלט זיך טאקי וועלען צושפארען אביסל! האט די כלה זיך ארויסגעכאפט און האט גלייך חרטה געהאט. ווייל דאס לעצ־

טע ווארט האט זי ארויס געזאגט מיט א הייזעריגליכען קול און זי האט בעמערקט ווי די מחותנים האבען איינער אויפ'ן צווייטען א קוק געטאן.

דעם חתנ'ס מוטער האט איהר אריינגעפיהרט אין א זייטיגען האלב פינסטערן צימערל, האט איהר אנגעוויזען וואו צו לעגען זיך און איז ארוים.

די כלה האט זיך געפיהלט ווי בעפרייט פון עפיס און האט לייכט אבגעאטעמט. זי האט געוואלט א הוסט טון. נאר זי האט זיך איינגעהאלטען.

אז זי האט אבער איינגעדרעמעלט האט זי זיך פארגעסען וואו זי איז און האט זיך צעהוסט ווי אין דער היים, פריי און אונגעשטערט.

דער מחותן ר' חיים, וועלכער איז געשטאנען נעבען טיר פון צימערל און האט זיך איינגעהערט צו יעדען מינדסטען שארך, וואס דארט קומט פאר, האט דעם הוסט גלייך דערהערט, האט א ווינק געטאן צו דער מחותנת'טע און האט שטיל געזאגט:

— מיר דאכט, אז זי איז א קראנקע!..

די מחותנת'טע, וועלכע איז געוועזן די גאנצע מבינ'טע אויף דער כלה, האט ניט איינגעשטימט.

— נאך א נייעס! וואס נאך וועסטו אויסקלערען.

— זי איז א קראנקע! האט זיך ר' חיים געהאלטען ביי זיינס.

— געה, געה משוגע'נער! האט שוין די מחותנת'טע זיך געבייזערט.

— ביזט א שארפע מבינ'טע! האט ר' חיים זיך געקרומט, האסט געקליבען, געקליבען און טאקי פיין אויסגעקליבען.

די כלה האט זיך גענומען טשיכען. די מחותנים ביי דער טיר האבען געווינקען עס זאל שטיל זיין. באלד האט זיך דערהערט א הוסט...

— נו? האט דער מחותן אויסגעשטעלט די אויגען אויף דעם ווייב.

— מילא וואס א מענש הוסט, זיך א ודאי צוגעקיהלט פאהרענדיג.

— דאס קאן אויך זיין א מאל! האט דער מחותן איינגעשטימט. פון דעסטוועגען קאן מען זיך דערויף ניט פארלאזען. מען דארף זי גוט בודק זיין. מען וועט נאך זעהן: ממה נפשך: גוט — גוט, ווען ניט איז ניט געפידעלט.

— ששששש! האט די מחותנת'טע געלעגט דעם מיטעלסטען פינגער פון האנט אויף דער נאז — רעד ניט אזוי הויך...

אין א שעה ארום איז די כלה אויפגעשטאנען. איין באק, אויף וועלכע זי איז געלעגען, איז געוועזן ניט נאטירליך רויט, די אנדערע באק בלאס און פארוועלקט. די מחותנים האבען געקוקט אויף איהר מיט חשד. מעהר אבער האט געקוקט די מחותנת'טע. זי איז געוועזן די מבינ'טע, זי איז פאראנטווארטליך! זי מוז ארומזעהן די כלה פון אלע זייטען.

און קוקענדיג אויף איהר א היבשע ווילע, פון וואס די כלה האט ניט געהאט וואוהין צו טון איהרע בליקען, האט די מחותנת'טע בעמערקט עפיס א שראם אויפ'ן שטערען.

— וואס איז דאס ביי דיר טאכטערקע פאר א צייכען אויפ'ן שטערען? האט זי געפרעגט גאר אהן צערעמאניעס.

די כלה האט זיך דערשראקען. איהרע ליפען האבען זיך געקרומט פאר פיין... דער שראם איז איהר געקומען פון א פאל נאך אין דער קינדהייט. זי האט עס געוואלט פארציילען. זי ווייסט דערפון די גאנצע מעשה. די מאמע איהרע פלעגט עס פאר אלע ווייבער פארציילען. נאר די צונג האט איהר ניט געדיענט. און זי האט עפיס ניט דייטליך ארויסגעשטאמעלט:

— דאס איז גאר נישט... דאס איז גאר נישט... די מחותנים האבען זיך ווידער איבערגעקוקט, שוין אבער מיט מעהר ערנסט. דער חתן, וועלכער האט שוין זיך איבערגעטאן און איז אומגעגאנגען הין און צוריק אין דעם נייעם קאסטיום, די הענט אין די קעשענעס, האט זיך אויך אבגעשטעלט, צוגעגאנגען נאהנט צו דער כלה און האט טיעף אריינגעריקט זיין פנים מיט א מינע פון א שארפען מבין...

די כלה האט אין גאנצען געציטערט...

די אנדערע טעג יום־טוב האט מען געפיהרט די כלה אויף „כבוד" צו קרובים. דער מיין איז אבער געוועזן הערען מבינות אויף דער כלה. די משפחה איז געוועזן א גרויסע: מען האט זי געפיהרט פריהער צום חתנ'ס זיידען ר' לייזער. דארט איז צו געגאנגען גרינג. ערשטענס האט דער אלטער ניט געקוקט אויף ווייבער, צווייטענס האט ער געלאזען אין שוהל די שפאקולען און אהן שפאקולען זעהט ער סיי ווי סיי גאר נישט. די באבע האט גראד דעם טאג געליטען אויף רעוומאטיזם און האט געקרעכצט אין בעט. שווערער איז עס צו געגאנגען ביי די פעטערס און מומעס. דארט פלעגט די מחותנת'טע אברופען די ווייבער אן א זייט, אנווייזען מיט'ן פינגער אויף דער כלה און פרעגען אזוי שטיל, אז די כלה פלעגט הערען יעדעם ווארט:

— וואס זאגסטו? דער „אלטער" זאגט, אז זי איז א קראנקע.

— הא... פלעגט די מומע אויסשטעלען די אויגען, און קוקען אויף דער כלה...

דא פלעגט שוין די כלה ניט הערען. דער געשפרעך פלעגט שטילער ווערען. נאר זי האט זיך פארגעשטעלט אזעלכע מיינונגען, וואס דער גרעסטער מבין וואלט אויף איהר אין אמת'ן ניט געזאגט.

איין עלטער מומע, ביי וועלכער מען איז געוועזן צום לעצטען. א הויכע דיקע פרוי, האט איהר גאר אבגעזאגט אין גאנצען דאס לעבען.

— זי איז דאך א מסוכנת... זי איז דאך א געשטארבענע... האט זי אין א ווינקעל אברופענדיג די מחותנת'טע בעשלאסען... זי פארזוכט דאך גאר נישט.

— יא, יא... האט די מחותנת'טע געזיפצט. איך וויים גאר ניט וואו זענען מיינע אויגען געוועזן!.. וועה איז מיר...

— נו, וואס טוט מען איצטער? האבען די מחותנים געשמועסט קומענדיג אהיים צווישען זיך, ווען די כלה איז ארויסגעגאנגען אין א צווייטען צימער.

— איך וויים? האט געזאגט דער מחותן.

— איך וויים? האט געענטפערט די מחותנת'טע.

— נו, וואס זאגסטו, חתן?

— איך וויים? האט דער חתן געדרוקט מיט די פלייצעס — ווי איהר פארשטעהט ...

— שא, זי געהט! האט דער חתן געווינקען.

די כלה איז אריין אין שטוב. פארשטעהענדיג, אז מען האט וועגען איהר גערעדט, האט זי זיך ניט געהאט וואו הין צו טון.

— נו, ווילסט שוין אפשר עסען? האט די מחותנת'טע ווייטער געפרעגט.

— ניין! עס ווילט זיך נאך ניט.

— דו עסט אלע מאל אזוי וועניג? האט דער מחותן גע־פארשט ווי א דאקטאר.

פארקעהרט... האט די כלה געשטאמעלט, פארשטעהענדיג וואוהין מען ציעלט מיט דער פראגע.

— הייסט עס, האסט יא אפעטיט.

— ניט צו פארזינדיגען! האט די כלה געפרובט שמייכלען.

עס איז געווארען שטיל א ווילע. דער מחותן האט אראב־געלאזען דעם קאפ אויפ'ן טיש און האט זיך פארטראכט. באלד אבער האט ער זיך ערוואכט, ווי אין קאפ וואלט איהם אריינגעפאלען א גליקליכע אידעע און האט זיך געווענדט צו דער כלה מיט א קוראזש:

— זאג מיר מיין טאכטער, דו ביזט, חלילה, ניט קיין שטיקל חולה?...

די כלה איז בלייך געווארען, זי האט אין גאנצען א ציטער געטאן און האט א ווארט ניט געקאנט אויסרעדען...

נאך יום-טוב איז זי אוועקגעפאהרען טאקי א קראנקע...

אברהם רייזען.

צוויי תפלות.

עס בעט זיך תחנונים א בלום,
וואס וואקסט אין דער מדבר אליין:
„רבונו של עולם ניט-שוין וועט
„מיין דופטיגע יוגענד פארגעהן
„נאך איידער מע האט מיך באוואונדערט,
„און זיך מיט מיין ריח דערקוויקט,
„ניט-שוין וועל איך קיינמאל ניט ווערען
„פון צערטליכע פינגער געפליקט...

עס יאמערט א צווייטע אין גארטען,
מיט שרעקען דערוואַרט זי די הענד,
וואס וועלען זי רייסען און מאכען
צום רוהיגען בליהען איין ענד:
רבונו של עולם וואס האסטו
„פאר מיר אזא גורל באשערט,
„צו ווערען געליבט און באוואונדערט,
„און ווערען דורך ליבע צעשטערט...

עס קלאגען די בלומען זיך ביידע,
ס'האט יעדע איין אנדער פארלאנג,
כביכול ער הערט ביידענ'ס טענות,
און ס'טוט איהם פאר איטליכע באנג...

דענווער קאלא (אמעריקא)
יהואש.

א שמועס.

רב לאקש צו רב פארפלען: איך מוז ארויס פון די כלים...

רב פארפל: שאט שאט, וואס זענט איהר פאר א מיוחס?

רב לאקש: עס איז א העזה פון א מענשען, מיין זוהן רעדען משולמ'ס טאכטער. איהר פארשטעהט מיך? איהר זענט בסך־הכל א גאר נישט.

רב פארפל: ניט זידלען מיין קינד; איך זאג אייך, ס'איז פאר אייך א גליק, כ'לעבען, איהר וועט מיך בעטען.

רב לאקש: בעטען זאל מען אייך צום רוח. אז איהר וועט זיך דערוועגען נאך אמאל צו קומען צו מיר מיט דער דאזיגע זאך, וועל איך אייך ווייזען די טיר.

רב פארפל: וואזשע זאל איך טון, אז איך בין פארט א שדכן און דער שכל זאגט מיר, אז דאס איז ווי פאר אייך געבארען?

רב לאקש: טראגט אייך אב, איהר ברענגט מיך אויס דער הויט.

רב פארפל: געהן וויל איך שוין, אבער דער ענין איז טאקי איין ענין, לאמיר זיך ניט נארען.

רב לאקש (אין צארן הויבט אן פארפלען צו דוצען): פארפל, איך וועל דיך ארויסוואַרפען, א דאס וועט זיין דער סוף.

רב פארפל: וואס זענט איהר אין כעס, ווער גייט אייך דען? איך בין מיר א יוד און טו מיר מיינס, איהר ווילט ניט, איז ניט.

רב לאקש: א העזה פון א מענשען!

רב פארפל: גיט אהער דעם בריף.

רב לאקש: וואס פאר א בריף?

רב פארפל: איך מיין דעם בריף, וואס איך האב אייך אדא געגעבען.

רב לאקש: א, דעם בריף פון משולמען מכח דעם נדן, דעם האב איך צעריסען אויף פיצפיצלעך.

רב פארפל: גיט אהער דעם בריף און מאכט אייך ניט נאריש, איהר ווילט דאך דערפון גאר ניט וויסען. ביי מיר איז דאס א סחורה, איז ניט לאקש איז גרונם, צי פוידעס, יונגלעך זענען דא ביי יודען א סך ברוך השם:

רב לאקש: צו וואזשע טויג אייך דער בריף?

רב פארפל: א שכל פון א מענשען, דעם בריף וויל איך טאקי ווייזען גרונמען, אז איך וועל איהם פארלעגען דעם שדוך.

רב לאקש: וואס געהט מיך אן גרונם, זאל ער ברעכען דעם קאפ!

רב פארפל: דאס איז מיין דאגה. זייט ניט פויל אויפ'ן פעלץ און גיט אהער זייט מוהל דעם בריף.

רב לאקש: איז ביי אייך א רענדל א מינוט? א מענש מוז זיך דאך מישב זיין...

מ. י. ב.

געלד.

דער גרעסטער רעגירער אין אונזער היינטיגער געזעלשאפט איז געלד. אלע מענשען הארעווען, זענען זיך מבזה און אנדערע מאל

אויך מוסר נפש, פאהרען אין אלע עקען וועלט בכדי צו פארדיענען א רובל. מיט געלד קאן מען אלעס דערגרייכען: בילדונג, פארגניגען, כבוד, אונ יענער, וועלכער האט ניט קיין געלד, איז איין אבגעלייממטער, אבגעשטארבענער מיטגליד, וועלכער האט קיין שום ווירקונג ניט אין דער געזעלשאפט. ער איז אזוי ווי אויסגעשלאסען פון דער גאנצער מענשליכער חברה (עני חשוב כמת). די מטבע איז דער גאנצער רוח חיים אין היינטיגע צייטען; אונ ניט אומזיסט רופט מען היינטיגען יאהר־הונדערט „דער גאלדענער יאהר־הונדערט". געלד איז דער גאט, וועלכען אלע דיענען. געלד מאכט פון כשר — טריפה אונ פון טריפה — כשר. מיט איין ווארט, געלד איז אלעס, געלד איז דער שטארקסטער רעגירער אויף דער וועלט, זיין שווערע מעטאלענע האנט איז פארשפרייט אויף דער גאנצער וועלט פון מזרח ביז מערב אונ פון צפון ביז דרום, אויף דעם ים אונ יבשה — אומעטום הערשט ער דעספאטיש.

אונ ווען מיר בעטראכטען די אונבעגרענעצטע הערשונג אונ די ראלע, וועלכע דער „מבוזה'דיגער מעטאל" שפיעלט אין דער געזעלשאפט, ווילט זיך גאר ניט גלויבען, אז עס זענען געווען צייטען, ווען געלד איז ניט געווען דער עיקר, ווען מענשען זענען אויסגעקומען אין גאנצען אהן געלד, אונ אויב עס איז עפים יא געווען אזוינס, וואס מען פלעגט דאס רופען געלד, האט דאס אבער געהאט א גאנץ אנדער אויסזעהן ווי איצט.

יא עס איז אונגלויבליך, אבער באמת איז אזוי געוועזן!

וואס איז טאקי די אורזאכע, דורך וועלכע דער מענש, וועלכער האט בעקעמפפט אלערליי קרעפטען פון דער נאטור, דער מענש, וועלכער האט מלחמה געהאלטען מיט די שרעקליכסטע ווילדע חיות אונ איז זיי בייגעקומען, דער מענש, יועלכער האט זיך שוין כמעט אין גאנצען בעפרייט פון די פינסטערע אבערגלויבעריי, דער מענש וועלכער האט דערגרייכט אזא הויכע מדרגה אין דער ענטוויקלונג, אז דער דאזיגער מענש איז ארונטער געפאלען אונטער דעם יאך פונ'ם טויטען אונבעוועגליכען מעטאל, וועלכער האט איהם אזוי ארייז גענומען אין זיינע „לאפעס", דאס ער קאן זיך אהן איהם ניט קעהרען אונ ריהרען?

צי איז שוין גאר ניט מעגליך, אז די מענשען זאלען ארונטער ווארפען פון זיך די שווערע, אייזערנע לאסט פון געלד אונ אנהויבען צו לעבען אביסל פרייער ?...

מיר ווייסען שוין, אז אין דער נאטור אונ אין דער געזעלשאפט זענען ניטא זעלבסטשטענדיגע ערשיינונגען, יעדע ערשיינונג האט איהרע געוויסע אורזאכען, וועלכע האבען איהר ארויסגערופען. אפילו דעם מענשענס מעשים זענען אויך ניט אלע מאל פריי, ניט אלע מאל קאן זיין דער מענש א בעל־בחירה און טון וואס ער וויל. אלס א טייל פון דער געזעלשאפט אונ דער נאטור איז דער מענש דאס רוב מאל געצוואונגען צו טון ניט לויט זיין אייגענעם ווילען נאר לויט די געזעצען פון דער נאטור אונ דער געזעלשאפט, צווישען וועלכע ער געפינט זיך. זיין אייגענער ווילען איז אויך טייל מאל משועבד צו די געזעצען פון דער אויסערליכער נאטור אין דער געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג. בכלל איז דא א געוויסער הכרח „א נויטווענדיגקייט", וועלכע רעגירט מיט אלע ערשיינונגען: סיי נאטירליכע, סיי געזעלשאפט־היסטארישע אונ אויך דעם מענש איז געראטען, אין פערלויף פון א סך צייט, איינצונעמען פיעל נאטירליכע ערשיינונגען, ביי וועלכע ער איז אין אנפאנג געווען פארשקלאפט, איז ער אבער דערפאר נאך מעהר פארשקלאפט געווארען ביי די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען, פון וועלכע עס איז ניט אזוי לייכט בעפרייט צו ווערען.

אט די זעלביגע „היסטארישע נויטווענדיגקייט" האט ארויסגערופען די שטארקע ממשלה פון געלד.

אין די פארהיסטארישע צייטען, דענסטמאל, ווען די געזעל־שאפט איז נאך ניט געווען שטארק ענטוויקעלט, ווען איהר צאהל מיטגלידער איז געווען א קליינע אונ די בעדירפניסען זענען ניט געווען א סך, האט יעדער קבוץ מענשען נאר פארברויכט די אייגענע ערווארבענע פראדוקטען אונ נאר אזוי פיעל, וויפיעל זיי פלעגען אויפטון. פראדוקטען פלעגען די מענשען שאפען כל זמן זיי זענען נייטיג געווען צום אייגענעם געברויך. ווען די בעדירפניסען זענען געווען צופרידען געשטעלט: ווען די מענשען זענען שוין געווען כלומר'שט זאט, בעשיצט פון קעלט, אונ פון די איבריגע בלינדע כחות פון דער נאטור, דענסטמאל האבען זיי אויפגעהערט צו ארבייטען תכליתים אויף שפעטער האט מען ניט געזוכט. אונ ווען זיי וואלטען אפילו שוין יא געזוכט, איז טאקי ממש ניט געווען וואס אבצושפארען. זיי פלעגען מעהר הונגערען ווי זאט זיין. ווען זיי האבען געוואהנט אין אזא ארט, וואו ס'זענען ניט געווען אלע מינים פראדוקטען, וועלכע זייער חיונה האט געפאדערט, האבען זיי ניט געזוכט דאס צו בעקומען ביי אנדערע. נאר זיי האבען זיך געסטארעט צו לעבען לויט די בעדינגונגען פון דעם ארט, וואו זיי האבען גע־וואהנט, אזוי ווי עס איז געווען ביי אלע חיות, ווייל זיי האבען נאך ניט געוואוסט, ווי איינצונעמען די נאטור אונ די נוצען פון זייערע אינטערעסען. יעדער פראדוקט האט ניט געהאט א ווערט פון א סחורה, נאר ער האט געדיענט אלס מיטעל צופרידען צו־שטעלען זייערע בעדירפניסען.

שפעטער, ווען די מיטלען צום קאמפף מיט דער נאטור זענען שוין אויסגעבעסערט געווארען, ווען די מענשען האבען זיך שוין מעהר ענטוויקעלט אונ האבען שוין אנגעהויבען ביסלעכווייז איינ־צונעמען די „בייזע" נאטור אונ אונטערטעניגען זי אונטער זיך, פלעגט שוין צייטענווייז טרעפען, דאס זיי פלעגען אויפטון פרא־דוקטען מעהר וויפיעל עס זענען זיי נייטיג געווען צום אייגענעם געברויך.

אין די ערשטע צייטען, ווען די פארשידענע גרופעס מענשען פלעגען זיך רייסען, האמפערען צווישען זיך אונ ניט לעבען בשלום, פלעגט פון די פראדוקטען, וועלכע די ארבייט האט בעשאפען מעהר, וויפיעל עס זענען נייטיג געווען צום אייגענעם געברויך, גאר נישט ווערען, ווייל, ווי מיר האבען שוין געזאגט, איז דער אדם הקדמון געווען זעהר א קליינער בעל־תכלית. ער האט זיך ווייניג וואס בעקימערט מיט'ן מארגענדיגען טאג. שפעטער, ווען די נויט האט געצוואונגען די גרופעס ניט מלחמה צו האלטען איינע מיט דער

אנדערע, נאר צו פיהרען שותפות'דיגען קאמפף מיט דער נאטור, ווען די מלחמות, וואס זיי האבען געפיהרט צווישען זיך, זענען פארביטען געווארען אויף אלגעמיינע אונטערנעמונגען און פריינדליכע אבמאכען, פלעגט איין גרופּע אבלאזען דער אנדערער דיעזע פּראדוקטען, וועלכע זי אליין האט ניט בעדארפט פארנוצען פאר זיך. עס פארשטעהט זיך, אז די גרופּען, וועלכע מען פלעגט איבערגעבען די „פאראיבריגטע" פּראדוקטען, זענען ניט געווען כפוי טובה און פלעגען דערפאר אבגעבען יענע סארטען פּראדוקטען, וועלכע זיי אליין האבען פאר זיך ניט פארנוצט און וועלכע די צווייטע גרופּע האט זיך גענייטיגט. פון אזעלכע בייderזייטיגע טובות האט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט א שטענדיגער טויש, וואו די גרופּען פלעגען צווישען זיך טוישען איין סארט פּראדוקטען אויפ'ן צווייטען.

אין אנהויב פון זיין ענטוויקלונג איז נאך דער טויש ניט געווען איין אפטע ערשיינונג, דער טויש איז נאר געווען א צופאל, א מקרה־זאך, דערצו האבען געמוזט זיין ווייטערדיגע בעדינגונגען: 1) האט יעדע גרופּע געמוזט בעשאפען מעהר פּראדוקטען, וויפיעל איהר איז נייטיג, 2) האבען די „פאראיבריגטע" פּראדוקטען פון יעדער גרופּע געמוזט זיין פון פארשידענע ניט גלייכע סארטען: קיינער וואלט דאך ניט אויסגעביטען ווייץ אויף ווייץ אדער א האק אויף א האק א. ז. וו. פארקומענדיג זעהר זעלטען, האט דער טויש זיך ניט גענייטיגט אין א פארמיטלער. די פּראדוקטען פלעגען פארטוישט ווערען גאנץ פשוט, איינער אויפ'ן אנדערען, ווען איין גרופּע האט געהאט איין איבריגע בהמה און די אנדערע איין איבריגע האק, האבען זיי, די גרופּען, צווישען זיך אויסגעביטען די בהמה אויף די האק, די פּראדוצענטען פלעגען גלייך געהן ביי זייערע נייע בעלי־בתים אין גיברויך. דערנסטמאלדיגער טויש האט געהאט די דאזיגע פארמע:

I. 1 בהמה איז גלייך צו 1 האק.

אין דיעזער פארמע ווערד די ווערט פון דער בהמה אויסגעדריקט אין די האק און די ווערט פון א האק אין דער בהמה. מיר קענען אנדערש ניט וויסען דעם ווערט פון דער בהמה, סיידען אינ'ם פערגלייך מיט איין אנדער פּראדוקט — מיט די האק. דאס גלייכען פארקעהרט. ווען מיר זאלען די בהמה ניט א קעגען שטעלען ביים טויש קעגען די האק, וועלען מיר כשום ענין ואופן ניט וויסען איהר ווערט, אזוי גוט, ווי מיר קענען ניט וויסען דעם כח פון א מענשען, ווען ער ראנגעלט זיך ניט מיט א צווייטען. די פערגלייכונג פון דער בהמה צום האק איז דאך א מקרה־זאך, עס קאן דאך זעהר טרעפען, אז יענע גרופּע האט פאראיבעריקט ניט א האק, נאר איין אנדער פּראדוקט, למשל, פיילען דענסטמאל וועט די ווערט פון דער בהמה שוין ווערען אויסגעדריקט אין די פיילען, און אזוי גוט, ווי איין גרופּע ווייסט דאך ניט אויב די צווייטע גרופּע וועט וואס עס איז פאר א פּראדוקט פאראיבעריגען צום טויש, האבען מיר טאקי ניט געהאט דעריבער קיין רעכטען בעגריף פון דעם פּראדוקט'ס ווערט. מיר פלעגען דאס נאר קריגען צו וויסען דורך א צופאל, ווען עס האט זיך געטראפען א נס, וואו ביידע גרופּעס, וועלכע האבען זיך בעגעגנט,

האבען פאראיבעריגט פּראדוקטען, און דווקא ניט גלייכע פּראדוקטען און וואו זיי האבען מסכים געווען צו טוישען איין פּראדוקט אויפ'ן צווייטען.

ביידע סחורות: די בהמה און די האק, הגם זיי ווערען ביידע פארטוישט איינער אויף די אנדערע, שפּילען אבער אינ'ם טויש פארשידענע ראליעס. ווען מיר זאגען: דאס 1 בהמה איז גלייך צו 1 האק, וועט דענסטמאל זיין די בהמה די הויפּט-סחורה, וועלכע מען וויל פארקויפען, און די האק וועט זיין דער „אויסדריקער" פון דער בהמה'ס ווערט. ווען מיר שטעלען איבער די פארגלייכונג און זאגען, אז 1 האק איז גלייך צו 1 בהמה וועט דענסטמאל זיין פארקעהרט, די האק וועט אויסדריקען איהר ווערט אין דער בהמה; די האק וועט זיין די סחורה צום פארקויף און די בהמה דער „אויסדריקער" פון די האקס ווערט.

ווען די פארבינדונג צווישען די וואנדער־גרופּען האט זיך געשטארקט, ווען א גרופּע האט זיך שוין אבגעלערנט פון דער אנדערער, ווי בעסער צו עקספּלאאטירען די מתנות פון דער נאטור — דענסטמאל האט שוין יעדע גרופּע בעזונדער „פאראיבעריגט" א פּראדוקט צום טויש. און ווען אונזער גרופּע, וועלכע האט פאראיבעריגט די בהמה, טרעפט זיך מיט אנדערע גרופּעס, לייגען זיי פאר אונזער גרופּע זייערע פאראיבעריגטע פּראדוקטען, וועלכע זיי האבען פאר זיך ניט נייטיג. א גרופּע וויל געבען פאר דער בהמה א שווערד; די צווייטע א האק; די דריטע — איין אכטל ווייץ; די פיערטע — א פּאר לעהמענע טעפּ א.ז.וו. אונזער גרופּע האט שוין די מעגליכקייט אויסצוקלויבען פון די אלע פּראדוקטען, וועלכע מען לעגט איהר פאר, דעם, וועלכער איהר געפעלט בעסער.

דיעזער טויש בעקומט אויך אזא פארמע:

II. 1 בהמה איז גלייך צו

א שווערד
א האק
איין אכטל ווייץ
צוויי לעהמענע טעפּ.

אין דיעזער פארמע איז נאך אלץ ניטא קיין פארמיטלער אינ'ם טויש. איין פּראדוקט ווערד אויסגעביטען אויפ'ן צווייטען פּראדוקט, וועלכער געהט גלייך צום געברויך. די ווערט פון דער בהמה בכלל קאנען מיר נאך אלץ ניט וויסען, ניט פארגלייכענדיג מיט די אלע אנדערע פּראדוקטען. איהר ווערט דריקט זיך אויס אין א סך פארשידענע סחורות: אין א האק, אין א שווערד, אין א אכטל ווייץ אז"וו. דיעזע אלע סחורות שפּיגלען אין זיך אב ביים פארגלייכונג די ווערט נאר פון איין סחורה. ווען עס זאל קומען א גרופּע מיט א נייער סחורה, למשל, מיט פעלען און זיי וועלען מסכים זיין אויסבייטען די פעלען אויף די בהמה — וועט דענסטמאל זיין דער „אויסדריקער" פון דער בהמה'ס ווערט — די פעלען; און אזוי קאן זיין אהן א סוף; קיין בעשטימטער, אבגעשטעמפּעלטער „אויסדריקער" פון דער סחורה'ס ווערט, וועלכע איז בעשטימט צום טויש, איז ניטא.

די נפקא מינה צווישען פריהערדיגער פארמע פונ'ם טויש אין דיעזע פארמע בעשטעהט אין דעם, וואס אין דעם ערשטען פאל האט די בהמה נאר געפונען איין אויסדריקער פון איהר ווערט אין צוויי-

טען פאל א סך אויסדריקער, ווייל יעדע סחורה בעזונדער דריקט אויס די ווערט פון דער בהמה.

יעדענפאלס קאנען מיר שוי"ן אבער זעהן אפילו אין דער מדרגה פונ'ם טויש, וועלכע מיר בעהאנדלען איצט, א קערן פון געלד. ווען מיר זאגען, אז א בהמה קאן אויסגעביטען ווערען אויף א שווערד, אויף א האק, אויף איין אכטל ווייץ אז"ו איז דאך דערפון געדרונגען פארקעהרט אויך — די אלע פראדוקטען: דער שווערד, די האק, דאס אכטל ווייץ, די פאר לעהמענע טעפ — זיי אלע קאנען אויסגעביטען ווערען אויף איין פראדוקט, אויף די בהמה און דער דאזיגער טויש וועט בעקומען אזא מין פארמע:

III. 1 שווערד
1 האק
1 אכטל ווייץ
2 לעהמענע טעפ
} זענען גלייך צו 1 בהמה.

(פארטזעצונג קומט).

א. ש. זאקס.

לערנט אייך זעהן.

(ענדע).

עס איז דעריבער קיין ספק נישט, אז אויך ביי דאס רוב איי־ראפייער איז די ראיה פון געבורט אן א שטארקע, אזוי גוט ווי ביי די ווילדע, אי פאר וואס בעווייזען די ווילדע אזוינע בריו'שקייטען מיט זייער ראיה, וואס אונז ציוויליזירטע ווילט זיך דאס גאר נישט גלויבען?

די סבה איז פשוט, דערפאר, ווייל מיר אייראפייער שטרענגען נישט אן אונזערע אויגען און לערנען זיי נישט זעהען, ווי עס טוען די ווילדע.

די באקאירעס, ביי וועלכע ראנקע האט געפונען, אז זייער ראיה איז נאר איינמאל אדער צווייסאל אזוי שטארק ווי ביי אנדערע, האבען איהם דערקלערט זייערע בריו'שקייטען אין דער ראיה אויף א גאנץ פשוט'ן אופן. זיי דערקענען אויב די חיה איז א זכר אדער א נקבה נישט דורך אנאטאמישע צייכענס און סימנים, ווי למשל, אן די שפי־צען פון די אויערען וכדומה, נאר דורך דעם אופן שפרינגען דערקענען זיי, למשל אויב די חיה איז א באק אדער א ציג. א דייטשער וואלד־שומר האט מיר געזאגט, אז ער דערקענט פון א זעהר ווייטע שטרעקע נאכ'ן אופן ארט געהן, וואס די חיה איז, א זכר אדער א נקבה.

די באקאירען האבען געוויזען דעם ד"ר ראנקע, בשעת זיי האבען געזוכט שפור אויף דעם וועג, אז כדי צו דערזעהן די שפור דארף מען קוקען נעבען זיך אויף דער ערד, נאר מען דארף נישט קוקען גלייך, נאר משופע'דיג אויף א מרחק פון 25 ביז 30 מעטער און אז ראנקע האט זיי געפאלגט האט ער טאקי אויך דערזעהן די שפור אין קרומע, פארדרייטע ליניעס. דאס איז אויך דער טעם, וואס די אינדיאנער קאנען ארויסגעפינען א וועג אפילו אין דעם פוסטען מדבר, אז זיי דערקענען באלד דעם וועג, אויף וועלכען זיי זענען מיט א יאהר צוריק נאר איין איינציג מאל געגאנגען. ראנקע זאגט גאנץ ריכטיג: ביי אונז אייראפייער, וואס מיר זענען תמיד צעטראגען און פאריאגט, און אונזערע געדאנקען זענען שטענדיג צעשפרייט און צעזייעט, ביי אונז אייראפייער, וואס מיר דרעהען זיך ארום גאנצע שעות און בעמערקען נישט, וואס ארום אונז טוט זיך, קומט אויס, אז דאס וואס דער אינ־דיאנער געפינט דעם וועג, איז שלא כדרך הטבע, עפיס א מין נס; עס איז אבער גאר קיין נסים דערביי נישטא. דער אינדיאנער, וואס האט נישט אין די מדבריות קיין שאסייען און וויערסטען, וואס זאלען איהם ווייזען דעם וועג, קוקט זיך גוט צו צו אלץ, וואס ארום איהם טוט זיך; דער ווילדער ווייסט, ווי וויכטיג עס איז פאר איהם צו געדענקען יעדען קלענסטען סימן ער ווייסט, אז זיין גאנץ לעבען הענגט אב אין דעם און דאס שארפט און שטארקט ביי איהם נישט נאר די ראיה, נאר אויך דעם זכרון.

דאס אונטערזוכען די ברעסלויער שילער האט מיר בעוויזען אז מען קאן אויך אונזערע אייראפייער אויסלערנען גוט זעהן נישט ערגער פון די ווילדע. פאר וואס זאלען מיר נישט אויסלערנען אונזערע קינדער, וואס זענען געבוירען מיט שטארקע ראיות, אלע צו זעהן און גענוי צו בעטראכטען, כדי צו פארשטארקען דערמיט זייער ראיה? די שאלה האט מיך אינטערעסירט שוין דענסטמאל, ווען איך האב געמאכט די אונטערזוכונג.

מיט דער דאזיגער שאלה האט זיך נישט לאנג אנגעהויבען צו פארנעמען דער הויפטמאן ציגלער, וועלכער האט אנגעהויבען איינצופיהרען קורסען אויף זיך לערנען זעהן. וועגען דער שאלה האט הויפטמאן ציגלער אנגעשריבען א גאנץ בוך. אין זיין בוך זאגט ער, אז מען דארף לערנען און מאכען גימנאסטיקע מיט די אויגען אויף דעם איינענעם פלאץ, וואס מען מאכט די געוועהנליכע גימנאסטיק, גאנץ נאהנט ביי דער שולע אדער אויף די ערטער, וואו מען געהט שפאצירען. ער הייסט, למשל, מען זאל אויף דעם שול־הויף אוועקשטעלען סטאבלעס, וועלכע זענען ווייט איינער פון צוויי־טען פון 25 ביז 50 מעטער, די שילער מוזען פאר די דאזיגע סטאל־בעס פארביי געהן, כדי זיי זאלען זיך מערקען וויפיעל טריט עס איז פון איין סטאלב ביז דעם צווייטען, מען זאל אויף די סטאלבעס אוועקשטעלען קליינע זאכען, ווי אותיות אדער בילדלעך און עס באלד צוריק אוועקנעמען און דערמיט פראבירען ווי שטארק עס איז דער כח הראיה ביי די קינדער.

עס איז אויך זעהר ניצליך איינצוטיילען די שילער אין צוויי אבטיילונגען און אברוקען איין אבטיילונג פון דער אנדערער א מרחק פון 100 ביז 300 מעטער. יעדער שילער מוז זיך גוט איינצייכענען, וועלכע זאכען ער זעהט נאך דייטליך אין דעם דאזיגען מרחק. דער שילער מוז בעשרייבען ווי עס זעהען אויס די שפיצען פוי די טורעמס און אנדערע הויכע בנינים, וועלכע זעהען זיך נאך פון דער ווייטענס. שפעטער פארגרעסערט מען דעם מרחק צווישען איין אבטיילונג און דער אנדערער, מען לעהרנט דאס אויג צו אונטערשיידען די ווייטקייט ביי קלארען און נישט קלארען וועטער, ביי זון-שיין און וואלקענדיגע טעג.

אויך לעהרנט מען דאס אויג דערקענען דעם וועג נישט דורך א קאמפאס, וואס ווייזט על פי טבע אלץ אין צפון זייט, נאר דורך די אלטע ביימער אדער שטיינער, וועלכע זענען געוועהנליך אין צפון זייט מעהר אבגעבליאקעוועט פון ווינט.

אזוינע שילער, וועלכע האבען געלערנט ווי צו זעהן, וועלען

שוין שפעטער אויך צו אלצדינג זיך בעסער צוקוקען און גענויער בעטראכטען.

דעם עיקר נוצען, וואס דאס לערנען זעהן וועט ברענגען, איז דאכט מיר, וואס דער קינפטיגער דור וועט זיך אויסלערנען זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען און זיך ניט בענוצען מיט ברילען און פאנסנע, וואס כמעט א האלבע געבילדעטע וועלט בענוצט עס, די צאהל פון קורצזיכטיגע, וואס מאכט אוים צווישען די געבילדעטע ביז 60 פראצענט, וועט מיט דער צייט אלץ ווענינער און ווענינער ווערען, דער מענש וועט מיט זיין חוש הראיה געניסען ווי אלע אנדערע חושים אהן א מאשינע און דענסטמאל וועט ער פיהלען דעם אמת'ן תענוג פון זעהן און אויף אלץ, וואס ער וועט ווארפען זיין בליק וועט איהם אויסקומען קלערער און העלער.

ד״ר הערמאן קאהן.

ליטעראטור וויסענשאפט און קונסט.

איין ענגלישער בעוואוסטער היסטאריקער מארליי האט נעשריבען א ביאגראפיע פון דעם פערשטארבענעם שטאטס־מאן גלאדסטאן. די ערשטע אויפלאגע איז געדרוקט געווארען אין 120,000 עקזעמפלארען און עס קאסט 20 רובל איין עקזעמפלאר און אין א משך פון 6 טעג איז עס ביז איינעם פארקויפט געווארען און מען האט באלד באשטעלט נאך 50,000 עקזעמפלארען. | מארליי האט פאר זיין ארבייט באקומען 100,000 רובל.

— היינטיגען כ״ג חשון ווערד 26 יאהר זייט עס איז אין ווילנא נעשטארבען דער בעוואוסטער יודישער משורר אברהם בער הכהן לעבענזאהן.

— נישט לאנג האט דער יונגער שריפטשטעלער אשקעוויטש אין פעטערסבורג פארעפענטליכט איינינע שטעלען פון זיין ניי ווערק „די יודען“. אין דעם דאזיגען ווערק שילדערט דער פערפאסער די לאגע פון דעם יודישען פראלעטאריאט. ער בעשרייבט די עלענדע לאגע פון די דערשלאגענע, פארשטויסענע יודישע בעלי מלאכות און קליינע סוחרים, די פרויען און מיידלעך, וואס ארבייטען און גיבען זיך אב מיט שענדליכע פרנסות. אין דעם נייעם בוך זעהט מען ווי גרוים עס איז דער טאלענט פון דעם יונגען שריפטשטעלער פארצושטעלען די טרויערינע לאגע פון דעם יודישען ארבייטער־לעבען. איבערהויפט ווייזט זיך דאס ארוים דארטען וואו ער שילדערט ווי דאס יודיש מיידל פאלט אזוי נידריג, אז זי מוז איהר קערפער פארקויפען. אזוינע בילדער מאכען א שרעקליכען איינדרוק. צום בעסטען איז געראטען דעם פערפאסער פאר צו שטעלען מיט גרוים קונסט די געפיהלען וואס לעבען אויף אין דער פינסטערער, הונגעריגער יודישער מאסע אונטער דעם איינדרוק פונ׳ם ציוניזם. אין די חושכ׳דיגע, איינגעפאלענע הייזלעך פאנטאזירט שטיל דער ארימער המון, וועגען זיין צוקינפטיגע מלוכה. זיך דערמאנענדיג אן זיין הייליג לאנד פארגעסט ער אויף א רגע זיין עלענד, זיין נויט און דחקות. אט דער זיסער חלום דערהויבט דעם הונגעריגען יודישען פראליטאריאט ביי זיך אין די אויגען און זיי פיהלען אז זיי זענען עפיס.

אין דעם לעצטען קאפיטעל מאלט ה׳ אשקעוויטש די פאגראמען מיט די שרעקליכסטע פארבען. דאס לעזען האט אויף די צוהערער געמאכט זעהר א שטארקע ווירקונג הערענדיג און אלע האבען בעוואונדערט זיין טאלענט, וואס צייגט זיך ארוים אין דעם דאזיגען נייעם ווערק.

אלערליי.

— א שרפה וואס האט געדויערט א גאנץ חודש. דעם 10 אקטאבער האט אויפגעהערט די גרויסע שרפה פון די אנגלעוויטשער נאפט־קוועלען, די דאזיגע שרפה האט זיך אנגעהויבען דעם 10 סענטיאבער און האט געדויערט א גאנצען חודש.

— ד״ר סאקים קאנקורענט. דער בעריהמטער אמעריקאנישער תענית־פאסטער ד״ר סאקי, וועלכער האט שוין איינינע מאל געפאסט א גאנצען חודש כסדר, געפינט זיך איצט אין ווארשא, וואו ער ווייזט זיין קונסט אין פאסטען, דארטען האט ער אבער בעקומען א קאנקורענט, א געוויסער שטיינער־האקער קארל שומאנסקי, וועלכער האט שוין אמאל געפאסט דריי וואכען כסדר, און היינט, אז ער האט זיך דערוויסט, אז ד״ר סאקי איז אין ווארשא, וויל ער מיט איהם קאנקורירען אין פאסטען.

— א כלה מיט הונדערט מיליאן מארק. די דאזיגע רייכע כלה האט בעקומען דער ענגלישער הערצאג פון רעקסבארג. די כלה איז אלט קוים 20 יאהר, זי הייסט מיס געלעט און איהר פאטער איז איינער פון די אייזענבאהן־קעניגע אין ניו־יארק. א סך חתנים האבען זיך ארום איהר געדרעהט, נאר זי האט דעם הערצאג פארטרויט צוזאמען מיט איהר הארץ אויך איהר נדן, וואס בעשטעהט פון הונדערט מיליאן מארק.

יודישע פרויענוועלט

I. אלגעמיינע נייעס.

— די שוועסטערן פאפאוו אין מאסקווא האבען געשאנקען א גרוים הויז און 300,000 רובל אויף צו בויען א פריוט פאר בלינדע.

— דאס פינאנץ־מיניסטעריום האט בעשלאסען איינצופיהרען אין די פאבריקען, מען זאל מאכען פרויען פאר אינספעקטארען אין די פאבריקען, וואו עס געפינען זיך א גרויסע צאהל פרויען, וואס ארבייטען דארט.

די פרויען אין חינא.

אין חינא איז די פרוי אין גאנצען גערעכענט אלס שקלאפין פון דעם מאן. אין די פריהערדיגע צייטען האבען די פרויען פון די העכערע קלאסען גישט געטארט ארויסגעהן פון שטוב אהן דעם מאנס ערלויבניש, און ווען זיי זענען שוין ארוים האבען זיי די דינערשאפט געטראגען אויף א פערמאכטען שטוהל. היינט מעגען שוין די פרויען אין חינא פון העכערן קלאס זיך ווייזען מיט דעם בלויסען פנים אין גאס, אבער די פרויען פון מיטלערען קלאס טארען נאך היינט נישט פארלאזען זייער עזרת־נשים, און איהר גאנץ לעבען מוז זי פארברענגען אין דער בעל־הבית׳ישקייט און מיט ערציהען די קינדער.

די חינעזישע פרוי בעקומט ערשט דענסטמאל א ווערט אין דער געזעלשאפט, ווען זי האט געבארען א זוהן. ווען איהרע זיהן האבען חתונה, ווערד די מוטער זעהר הויך געאכטעט.

א שידוך מיט די קינדער טון די עלטערן באלד ווי דאס צוקינפטיגע „פאר“ ווערד געבוירען. אז עס קומט די חתונה־צייט הייבען זיך

אן א גאנציע שורה פון צערעמאניעס. ווען אלע שטערן-בעדייטונגען ווייזען אויף גליק, שיקט דער פאטער אדער דער ברודער פון חתן א שליח צו די כלה׳ס פאטער, בעטען זיין טאכטערס האנט און ווען מען בעקומט דעם פאטערס הסכמה פערלאנגט דעם חתנ׳ס פאמיליע, מען זאל שרייבען תנאים. באלד נאכדעם שיקט מען די כלה׳ס עלטערן פערשידענע מתנות. דער טאג פון דער חתונה ווערד בעשטימט נאכ׳ן לוח נאך. די צערעמאניעס בעשטעהען פון מאהלצייטען, מוזיק און פראצעסיעס.

אין חינא מעג מען נעמען א סך פרויען, א געזעצליכע פרוי אבער — נאר איינע. זי פיהרט דאס בעל-הבתישקייט און מען האלט איהר פאר די אמת׳ע בעל-הבית׳טע אין הויז. ווען דער מאן האט עפיס א טיטעל אדער ערגעץ איין עהרענשטעלע אין דעם מי״יטער אדער ווי ערגעץ אנדערש, טיילט זיך נאר די געזעצליכע פרוי מיט איהם זיין כבוד. אפילו נאך דעם טויט בלייבט נאר די געזעצליכע פרוי אלס יורש׳טע פון זיין טיטול. די אנדערע פרויען אבער בלייבען אין זייער פריהערדיגען נידריגען צושטאנד.

דאס גט׳ן זיך איז זעהר לייכט אין חינא און איז דעריבער דארטען זעהר פערברייטערט. דאס געזעץ רעכענט אויס זיבען פאלען לויט די פעראורדנונג פון דעם געזעץ-געבער דארילו, צוליב וועלכע מען מעג די פרוי גט׳ן: א פרוי, וועלכע האט קיין קינדער נישט, וואס איז צופיעל אויסגעלאסען, ווען דער מאן איז אויף איהר אייפערזיכטיג, (דאס הייסט ער איז איהר חושד, אז זי האט ליב איין אנדערן), א פרוי וואס רעדט צו פיעל וואס מען חאפט ביי א גנבה, א פרוי וואס פאלגט נישט דעם מאן און אזעלכע וואס איז קרעציג.

דער מנהג מאוס צו מאכען די פיס פון די פרויען באלד פון דעם געבוירען ווערען, ווירקט זעהר אויף זייער סארט לעבען. דער דאזיגער מנהג איז כמעט געווארען א חוב פאר די רייכערע קלאסען פון די דרום פראווינצען; נאך שארפער איז דער מנהג אין צפון פון חינא און איבערהויפט אין פעקינג.

מען מאכט די פיס מאוס מיט פערשידענע מיטלען. ווי איבער-קעהרען אלע פינגערס א חוץ דעם גראבען אונטער דער פאדעשווע, פון וועלכע עס מאכט זיך דארט א טיעפע גריבעל, און נאך אנדערע מיטלען, וועלכע מען הויבט אן צו געברויכען פון פיער, זעקס אדער זיבען יאהר.

די פרויען קענען דעריבער כמעט נישט געהן און לעבען אב זייערע יאהרען זיצענדיג. אפילו מיט דער ווירטשאפט בעשעפטיגען זיי זיך אויך געוואהנליך אדער ליגענדיג אדער שטעהענדיג אויף די קניע.

די פרויען-ארבייט אין דער שטאדט איז פון גאנץ קליינעם ווערט. זיי זענען על פי רוב קאסירערינען און זיצען ביי דער קאסע זיך נישט ריהרענדיג.

אין א טייל קלאסען פון מאנסבילען דעם גרעסטען טייל ארבייט אין הויז-ארבייט. זיי פערנעמען זיך מיט דער קיך און ווירטשאפט.

פון ריינליכקייט ווייסען די חינעזער פרויען גאר נישט, אין ערגעץ געפינט זיך נישט אזוי פיעל שמוץ און בלאטע ווי ביי זיי.

די מדות זייערע האבען זיך פונדעסטוועגען א ביסל געביטען, געוואהנליך, נישט אין די שטעדט וואס ליגען אין מיטען חינא, נאר אין די וואס זענען ביים ים, נאהנט פון גרענעץ. די קינדער פון רייכע סוחרים בעקומען אייראפייאישע בילדונג און ערציהונג.

אין די פריהערדיגע דורות האבען די פרויען אין חינא געמוזט טון אלע שווערע ארבייט אויפ׳ן פעלד, היינט טון זיי שוין לייכטערע ארבייט. עס געפינען זיך שוין פרויען, וואס פארנעמען זיך מיט מאכען געקינסטעלטע בלומען, וועלכע איז זעהר אין דער מאדע אין חינא, פראסטע פויערטעס און סאלאן-דאמען פוצען מיט די געקינסטעלטע בלומען זייערע האר.

די קליידונג פון די חינעזישע פרויען איז כמעט אלע פון איין פארם. דאס רוב קליידער זענען געמאכט פון זייד, בריימע מיט קורצע ארבעל. ביין האלז איז עס געמאכט צו צושפילען, ביי דער ברוסט איז אויסגעהעפט אלערליי בלומען. די שוך ביי די פרויען מיט די מאוסע פיס זענען זעהר קורץ; די הויכע אבזאצען קומען אויס כמעט אין מיטען שוך.

די קאפ-קליידונג ביי די חינעזער פרויען איז געמאכט פון פיעל פערשידענע פארמעס. אין איינעגע ערטער טראגען זיי זיך ווי די איטאליענער פרויען. בכלל טראגען די חינעזער פרויען שיניאנען (אזא סארט קאפפערפלעכטונג); די רייכע בעפעסטיגען עס מיט גאלדענע שפי״קעס — די ארימע בעגניגען זיך מיט פראסטערע בעפוצונג. טייל מאל טראגען זיי נישט קיין גרויסע מעטאלענע קריינדלעך מיט אמת׳ע אדער געקינסטעלטע בלומען, און טייל מיט פליגעלעך געמאכט פון פעדערן.

אין דעם פראווינץ פא-קיען שטעלט פאר די קאפבעפוצונג פון די פרויען א גאנצע פיראמידע.

די פרויען טראגען אויך פיעל בריליאנטען; בראסלעטען, רינגען, אויהרינגלעך, פערל-שנורען. דער מנהג צו טראגען לאנגע נעגעל האט ארויסגעבראכט ביי זיי א מאדע צו טראגען אויף די נעגעל זילבערנע אדער גאלדענע שיידלעך.

א זונטיק און א פעכער איז דורכאויס נייטיג צו דער פרויען טואלעטע. ווינטער-צייט טראגען די פרויען אויך א מין בעדעקונג אויף די אויהרען, וועלכע איז פון אינעווייניג און אויסעווייניג מיט פעלץ.

זעהר פיעל פרויען רייכערן אפיום, וועלכע ווירקט זעהר שלעכט אויף זייער געזונט און קאנען מחמת דעם נישט געבען זויגען זייערע קינדער.

ש. זילבערשטיין.

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר
פערלאג „פאלקסבילדונג“.

Herausgeber Verlag Volksbildung Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher Krakau Druck v. S. L. Deutscher Podgorze b. Krakau

אויף דעם זאמעל בוך „הילף“

וואס די גאנצע הכנסה געהט פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב.

(פרייז 1 רובל מיט פארטא).

אהרן ראסניצאוו (סמאלענסק), א. כהן (קרופעץ), ד. אבריזשינסקי (אדריזשין), מ. שלייען (אדעסא), מ. נ. טעפליצקי (סמיעלא), ב. י. וויערניבאווא (זוועניגאראדקא), ל. ליפיאנסקאיא (זלאטאפאל) יצחק משה שירמאן, יהושע פארבער, אהרן לאנגבארט, דוד דעדינסקי (חארטין), ג. ב. שקאלניק (צאריצין), ס. א. גאטאווסקי (מינסק) 2 עקז., מ. כהן (ריגא). פון שפאלא (קיעוו. גוב. האבען אויסגעשריבען: י. באנגארט, ד. פעדינאווסקי, ה. קאראטינסקי, א. חער־סאנסקי, ה. הארא־יעצקי, טשערנאמארסקי, י. פישביין, י. טאבאטשניקאוו, נ. שווארצבריים, ר. ס. ליאקומאוויטש (מאזיר), מ. אייזענבערג (קיעוו), מ. מ. אליעווסקי (ניעזשין). רבקה יאגופאלסקא 2 עקז, מאיר ריבאק (לוקאשעווקא)

לעזט און הערט דעם אמת!!

אלע אנאנסירטע ברוכבענדער מיט עלעקטריע היילען נישט אוים קיין שום ברוך. דאס גוטיגקייט פון איינען ברוכבאנר איז נור ער זאל פעסט איינהאלטען דעם ברוך און נישט דריקען דעם קערפער.

זאלבע פערפערטיגט אין אייגענער פאבריק וועלכע איז בעעהרט געווארען מיט מעדאילע פון דער דאקטארסקע אויסשטעלונג

Д. Мошковскій, Варшава

Налевки № 37

(135) 50 —3

הערען און דאמען בעמערקט אייך דאס געזעלשאפט

= „ВОЛГА“ =

אין ווארשא

פיר **6** רובל מיט **50** קאפ׳ פראנק און אהן האנדגעלד אויף א נאכנאהמע שיקען מיר ארויס **8** נייטיגע זאכען פאר יעדען מענש:

1) א מענער־זייגער פון ריינעם אמעריקאנישען שטאל, אהן א שליסעל, אפענע, מיט א פעסטען מעכאניזם און א גוטען גאנג, אבגעצויגענע אויף א מינוט מיט א גאראנטיע אויף 6 יאהר; 2) א עלעגאנטע קייט צו דעם פון מעטאל אדער אמעריקאנער טאלמע גאלד; 3) א ברעלאק אדער א מגן־דוד; 4) א גאלדענעם פינגערל 6־ער פראבע פאר דאמען אדער הערען מיט א שטיין; 5) א לעדערנעם פארטמאנע פון איין שטיק מיט 6 אבטהיילונגען מיט א מעכאנישען שלאס, וועלכער ענטהאלט א קויטשוק־שטעמפעל מיט דעם נאמען און פאמיליע פון דעם בעשטעלער; 6) א עלעגאנטען מעטאלענעם פארט־פאפיראס — אויטאמאט מיט א סעקרעט, אויף פערלאנג קאן ער אויסגעביטען ווערען אויף א לעדערנעם אדער א דאמען־טייסטער פון דראט; 7) א עלעגאנטען אויסלענדישען מעסערל „זאלינגען“ אדער א ראזיר־מעסער; 8) א בערשטל מיט א שפיגעלע. דאמען־אוהר מיט א רובל טייערער, צוגע־מאכטע מענער־אדער דאמען־אוהרען אויך אויף איין רובל טייערער.

פערשיעדענע קופאנען פון פירמען ווערען אנגענומען צו 10 קאפ׳ פון יעדער בעשטעלונג. עס ווערען אויך אנגענומען אלער האנד בעשטעלונגען אויף גאלד, זילבער און גאלאנטעריע־וואארען הויפטזעכליך בעמיהט זיך דאס גע־זעלשאפט פינקטליך שנעל און רעיעל צו בעהאנדלען. (4—3) 263

אדרעסירען: **Товарищество „ВОЛГА“, Варшава.**

הויז־דרוקערייא



מיט מיינע טיפען־דרוקעריי גארניטורען אין אלען שפראכען אויך העברייאיש קאן יעדערמאן זעלבסט דרוקען אלעם וואס ער האבען וויל:

צוא בעציען אוים דער איינציגער פאבריק אין גאנץ רוססלאנד „ПОБѢДА“ подвижн. буквъ

И. А. ЛЕВИНСОНА

въ ОДЕССѢ, Пушкинская, уг. Полицейск. ул., 16 und in WIEN, Adlergasse 12.

גארניטור № 60 מיט 100 בוכשטאבען	1. ר"ז	גארניטור № 65 מיט 540 בוכשטאבען	4.50
„ „ 62 „ 200	„ 2.—	„ „ 66 „ 780	6.—
„ „ 63 „ 335	„ 3.—	„ „ 67 „ 1160	10.—

מיינע פאב׳ יקען פערפערטיגען אויך שטעמפעל אונד זיעגעל נור פאם בעסטען מאטעריאל פרייזקוראנטע ווערדען פערזענדעט נאך ערהאלט איינער פאסטמארקע 7 קאפ.

☞ אגענטען ווערדען איבעראל געזוכט ☜

החתימה לשנת תרס"ד

על העתון השבועי המצויר לבני הנעורים

שנה שלישית **עולם קטן** שנה שלישית

העורכים: **א. ל. בן־אביגדור וש. ל. גרדון.**

דמו"ל: **הוצאת „תושיה“ בורשה.**

העתון המצויר האחד בספרותנו בכלל והיחיד ומיוחד לבני הנעורים שלנו בפרט.

שפת ה„עולם קטן“ קלה וטבעית והסגנון נאה ומלבב.

ה„עולם קטן“ הוא מנוקד כלו.

כל גליון מלבד שהיא נעים לקריאה ומלבב את נפש הקוראים הקטנים והצעירים, הנהו גם מעין חריסטומטיה מצוינה ללמוד **שפת עבר**. העתון נדפס על ניר יפה ובדפוס מהודר והתמונות מצוינות ביפין וטובן.

מחירו 4 רובל לשנה

2 רובל לחצי שנה, 1 רובל לרבע שנה.

החותמים בפעם אחת לשנה שלמה מראשית שנת תרס"ד יקבלו בסוף השנה תשורה יפה חנם. דמי החתימה יוכלו לשלם גם לשעורין: 2 רובל בעת החתימה ושני הרובל הנותרים בראשית הרבע השני.

בתור הוספה מיוחדת ל„עולם קטן“ ירחון פדגוגי בעד ההורים והמורים בשם:

„הפדגוג“

בו יבואו מאמרים מכל מקצעות החנוך וההוראה, החדשות במקצוע החנוך, החנוך העברי ביחסו אל החנוך הכללי, כרוניקה מעולם ההוראה העברית והמורים העברים, בקרת ספרי הלמוד והקריאה לבני הנעורים, ועוד.

מחיר „הפדגוג“: 3 רובל לשנה, 1,50 רובל לחצי שנה, 75 קאפ׳ לרבע שנה. לחותמי ה„עולם קטן“ 2 רובל לשנה 1 רובל לחצי שנה 50 קאפ׳ לרבע שנה.

הוספה חדשה ל„עולם קטן“: ירחון לבני הנעורים בשם „הנעורים“.

חדשה לקוראנו!

עוד לפני שלש שנים, בראשית גשתנו להוצאת ה„עולם קטן“, הבטחנו להוציא שני עתונים לבני הנעורים: אחד לילדים ואחד לנערים. אבל אח"כ נוכחנו, כי כל עוד לא בראנו לנו קהל קוראים צעירים הגון — קשה יהיה להוציא את שני העתונים הנזכרים בבת אחת, ונהיה אנוסים להסתפק בעתון אחד, שהיה בעקרו לילדים ושאח"כ השתכלל ויהי לעתון מיוחד לילדים ועתה הננו שמחים להודיע, כי אחרי שנתחבב ה„עולם קטן“ על קוראינו ומצבו התבסס יותר — הגיעה השעה, שנוכל להגשים את רעיוננו מכבר ולמלא את אשר הבטחנו בשלמות.

והננו נגשים עתה להוציא בתור הוספה שניה ל„עולם קטן“ ירחון מצויר לבני הנעורים, בשם:

„הנעורים“

בו יבואו: שירים, ספורים, ספרי־מסע, תולדות אנשי שם, מאמרי מדע פופולריים, ידיעות ומקרי הימים, עם תמונות וציורים שונים. השפה תהיה נוחה והמלים הקשות תהיינה מנקדות, ובמקום הצרך גם מבארות.

החוברת הראשונה כבר יצאה מתחת מכבש הדפוס.

מחירו: לשנה 3 ר׳, לחצי שנה 1,50 ר׳, לרבע שנה 75 ק׳. לחותמי ה„עולם קטן“: לשנה 2 רובל, לחצי שנה 1 רובל, לרבע שנה 50 קאפ׳.

האדריסה

ברוסיה: Издательство „ТУШІЯ“ Варшава.

בשאר ארצות:

Administration „Olam Katan“, Krakau, Sebastyang. 32.

הוספה חדשה ל„עולם קטן“: ירחון לבני הנעורים בשם „הנעורים“.

Оптическо-Хирургической складъ
Н. ПИКЪ
Налевки 35 Варшава

רוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע מיט גומי פעלאטין, וועלכע האלטען גענצליך איין דעם ברוך און דריקען נישט דעם קערפער. ברוך- און בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע גומי-שטרימפפע פיר געשוואָלענע פיס, גארסעטען פיר גארבאטע, קינסטליכע פיס און הענד, שטוצנע אויגען, ברילען מיט בעלגישע גלעזער פיר קורצע און שוואכע ראיה, ווי אויך אללע אָפּטישע און חירורגישע ארטיקעל אין גרויסען אויסוואהל צו זעהר ביליגע פרייזען עמפפעהלט אָפּטיק

י. פיק, נאלעווקי 35 ווארשא.

אלץ ווערד צו געפאסט דורך ספעציאליסטען

234 — 25 17

!!נאך ניכט דאגעוועזען!!

פעדערהאלטער מיט קאלענדאר

זעהר נוטצבאר פיר יעדען וואס האלט נור א פעדער אין האנט, צו זעהען געניי אין איין מאמענט, יעדען דאטום פון 1902 ביז 1907 יאהר.

פעדערהאלטער, מיט א יודישען לוח צום יאהר תרס״ד.

די פעדערהאלטער זענען זעהר שען אויסגעפיהרט.

עס ווירד אדריס געשיקט אויף פער נאכנאהמע 6 שטיק פיר 1 רובל פראנקא איבעראל. (261) 5—4

ווידערפערקייפער בעקומען ראבאט.

В, ТЕНЕНБАУМЪ
Варшава, Гусья 27/40.

בית־מסחר ספרים
ב. צ. שיינפינקעל
ווארשא זלאטע 63

מוכר, קונה ומחליף כל מיני ספרים בתנאים נאותים למאד. (210) 50 25

אינטערעסאנטי שיין און וויכטיג
איז דער בעריהמטער אדעסער
יודיש־רוסישער טעגליכער אבריים־קאלענדאר
(ОТРЫВНОЙ КАЛЕНДАРЬ)
אויף דעם יאהר 1904 (תרס״ד־תרס״ה)
(צווייטער יאהרגאנג)

דער אינטערעסאנטער אבריים־קאלענדאר איז זעהר שיין און רייך געדרוקט פון ביידע זייטען אויף פיין פאפיער אין א וואונדער שיינעם ארדנונג מיט א פיין איליוסטרירט ווענטל אין זעכס שיינע פארבען.

אינהאלט פון קאלענדאר:

1) יודיש־רוסיש־אויסלענדישער דאטום, (אין יודיש, רוסיש, דייטש, פראנצויזיש, און פוילישע שפראכע).
2) זונן־אויפגאנג־זונן־אונטערגאנג,
3) צייט פון ליכט בענשען,
4) ראש חודש בענשען, מולדות,
5) וויכטיגע היסטארישע בעשרייבונגען,
6) יאהרצייטען פון יודישע גרויסע מענער,
7) אפאריזמען (ערהאבענע געדאנקען) שטראף־רייד,
8) טיראזשען פון די באנק־בילעטען,
9) פלאטץ אויף בעמערקונגען, (для замѣтокъ)

אויף דער צווייטער זייטע קומט.

10) וואונדער־שענע אנעקדאטען,
11) וויכטיגעס פיר יודען, היסטארישע ערקלערונגען וועגען ימים טובים און תעניתים,
12) וויסענשאפטליכע, אינטערעסאנטע און וויכטיגע ארטיקלען.

דאס ווערטע פובליקום וועט גאנץ איבערראשט זיין פון דיעזען וואונדער־שיינעם אינטערעסאנטען וויכטיגען אבריים־קאלענדאר.

(248) **פרייז 30 קאפ׳, מיט פארטא 40 קאפ׳.** 15—10

4 קאלענדארען אויף איינמאל איז פארטא־פריי. — ווייניגער פון 10 קאלענדארען ווערען מיט היין נאכנאהמע ניט געשיקט. — לסוחרים ראבאט הגון.

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ, Еврейская № 35.
Buchhandlung Gebrüder Bletnizky in Odessa (Russia).

די ערשטע און איינציגע
מעכאנישע פאבריק צו רעפארירען שוה־ווערק.
А. Гринштейнъ, Варшава, Новолипки № 58.

נעמט אן צו רעפארירען אלערליי שוה-ווערק, עס מאכט קיין אונטערשיעד נישט פון וואס פאר א גאטונג לעדער עס איז. דיא לאטעס ווערדען געקלעפט מעכאניש, גאר אהן נעהטע און די רעפארירטע שוהע קומען ארויס ווי פון דער ניי, נישט צו דערקענען אייף זיי דעם מינדעסטען צייכען פון רעפארירען.

פראווינציער, וואס ווילען זיך עפענען אזא פאבריקעל, קען איך מיט זיי איינגעהן לויט בעשטימטע בעדינגונגען, ווי איך וועל ענטפערן יעדען, וואס וועט אריינשיקען א פאסט-מארקע פאר 7 קאפ.

דיא פאבריק איז יעצט איבערגעגאנגען אין מיין אייגענטהום און ווער עס וויל דארף זיך ווענדען נאר צו מיר

А. Гринштейну, Варшава, Новолипки № 58.

פיליאלען: I פראנציסקאנסקא 35 אין טויער. II טווארדא 22 וואהנונג 42 אין צווייטען הויף.

229 25—20

רעפאראציאן ווערד פערפערטיגט ווארטענדיג.

פאריזער נייעסטע מאדעלע

עמפפעהלט דער בעקאנטע מאגאזין פאן דאמען-מענטעל, וויערכזען צו פוטער און קאסטיומען

ד. באראדאווסקי ווארשא. לעשנא № 9 וואהנ. 4

אויפס פערלאנג פערפערטיגע אללער ארט בעשטעלונגען אין 24 שטונדען.

25—21 147

אגאטאל״־גורסקי, ווארשא, לעשנא № 4

דאס בעסטע מיטעל צום רייניגען די צאהנער,

פערהיטעט זיי פון פוילען און ווייטוג אין בלעכענע שעכטיל צום פרייז 20 קאפ׳ און 30 קאפ׳. פארדערן איבעראל. (125)

Поступили въ продажу новыя книги

П. Г. КЛЯЧКО

(Законоучит. Бѣлостокск. Реальн. уч. и учит. начальн. евр. училища)
1—4 (268)

1. „Подъ знаменемъ Маккавеевъ“

Иллюстрированный историч. очеркъ для евр. юношества къ **празднику Ханука.**

Цѣна 15 коп. съ перес. 17 к. Сіонистск. кружкамъ 1000 экз. за 12 р. съ пер.

∘ ∘ 2. „Баръ-Мицво“ ∘ ∘

Ученіе объ обязанностяхъ еврея, достигшаго религіозн. совершеннолѣтія, съ приложеніемъ: **Застольныя рѣчи для конфирманда.**

Цѣна 30 коп. съ перес. Обѣ книжки вмѣстѣ за 40 коп. съ пересылкой. !

2-ая книжка имѣется въ изящн. переплетѣ (для подарк.) Цѣна на 10 коп. дороже.